STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03450

RADYO REDES

Jacob Leibowitz

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראַדיאָ רעדעס

א סעריע פון וועכנטלאכע פאָרטראגן אויף פארשידענע טעמעס,
פרעזענטירט יעדן פרייטאָג ביינטאָג אויף סטיישאָן

W. L. T. H.

אויך פראגן און ענטפערס אין ענגליש

פון הרב יעקב לייבאָוויץ

גייסטלאכער פירער פון דעם
איסט פלעטבוש דזשואיש קאָמיוניטי סענטער

661 לינדען בולווארד, ברוקלין, נ. י.

סעריע 1

אדר, שנת ת"ש

RADIO ADDRESSES

Also Questions and Answers in English

By

RABBI JACOB LEIBOWITZ

Rabbi of the East Flatbush Jewish Community Center.

661 Linden Blvd., Brooklyn, N. Y.

Copyright 1940 *by*
RABBI JACOB LEIBOWITZ
New York, N. Y.

369

(אינהאלט אויף זייט 108)

IT IS WITH A DEEP feeling of gratitude and affection that I dedicate this publication to my beloved congregation, the East Flatbush Jewish Community Center. During the four years of my ministry in this congregation I have enjoyed the utmost encouragements in all my efforts, and because of such encouragemetns and support I was able to dedicate some of my time to activities such as this work indicates. I am particularly grateful to my friend, Mr. Arthur S. Davis, President of our Center, who, in addition to many other instances of assistance and support, has greatly encouraged the publication of this pamphlet.

April 1, 1940

פאָרוואָרט

א דרשה אָדער א רעדע אויף דער ראַדיאָ איז פאַרבונדען מיט געוויסע שוועריקייטן. די שטרענג באַגרעניצטע צייט וואָס איז דערלויבט פאַר יעדער רעדע, ווי אויך די פילפאַרביקייט פון ראַדיאָ-פּובליקום, באַאיינפלוסט פיל די פאַרבאַרייטונג פון אַ רעדע אויף דער ראַדיאָ, איבערהויפּט ווען זי איז פון רעליגיעזן אינהאַלט. די אויבנדערמאָנטע פאַקטן דערקלערן די שפּאָרזאַמקייט אין מאַטעריאַל, וואָס ווערט באַנוצט אין דער באַהאַנדלונג פון אָט-דער סעריע רעדעס.

מיר דרוקן די רעדעס אין דער אָריגינעלער געשפּראָכענער פאָרם, ווייל אָט-די רעדעס, פון רעליגיעזן אינהאַלט, זיינען די ערשטע פון זייער מין, אלס אַ שטענדיגע פּיטשור אויף דער לופט, וועלכע ציען צו דעם אינטערעס פון אידישע ראַדיאָ-צוהערער, לויט ווי עס באַשטעטיגט דער וואַרימער אָפּרוף, וואָס מיר באַקומען וועכנטלאך פון דעם פּובליקום, און אלס אַזעלכע ווילן מיר זיי איבערגעבן צו אונזערע לעזער. מיר האָפן אז אין דער נאָענטער צוקונפט וועט דערשיינען אונזער צווייטע סעריע פון ראַדיאָ-דרשות.

לאַכן, אָפּלאַכן און אויסלאַכן

די דערציילונג אין מדרש
וואָרום לאַכט גאָט
א מענטשן דערקענט מען פון לאַכן
אָפּלאַכן און אָפּעגנסיווע מאַכט
אויסלאַכן א פאַרטיידיגונגס קראַפט
דער איד דאַרף קענען אויסלאַכן

חשוב׳ע צוהערער:

אין קאַפּיטל ב׳ אין תהילים ווערט געבראַכט דאָס פאָל-גענדע: „למה רגשו גויים״, וואָרום צאָרענען אזוי די געצן-דינער און די נאַציעס רעדן פוסטע רייד, די קעניגן פון דער וועלט שטעלן זיך אויף און די הארן נעמען זיך צוזאמען אלע געגן ג׳ און זיין משיח?

דער וואָס זיצט אין הימל לאַכט, דער האַר פון דער וועלט לאַכט זיי אויס, ער שפּאָט אָפּ פון זיי.

לויט די ווערטער פון אָט-די פּסוקים איז „אויסלאַכן״ און „אָפּשפּאָטן״ ג׳ס ענטפער צו זיינע שונאים.

אין דעם זעלבן גייסט ווערט געבראַכט א מערקווירדיגע דערציילונג אין מדרש, וועלכע לייענט זיך אזוי: דער אויבערש-טער דערקלערט מיט וואָס ער באַשעפטיגט זיך טעגלאַך און זאָגט: זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, באַשטייט מיין טעגלאַכע באַשעפטיגונג פון דאָס פאָלגענדע: איין דריטל פון טאָג זיץ איך און לערן, דעם צווייטן דריטל פון טאָג טייל איך אויס גערעכטיקייט צו דער וועלט, און אין לעצטן דריטל פון טאָג באַשטים איך יעדן מענטשנ׳ס פרנסה און טו צדקה. און איך לאַך קיינמאָל, אויסער ווען די גאָטלאָזע ווידערשפּע-

ניגען אין מיר.

פון די ביידע איבנדערמאָנטע ציטאַטעס מערקן מיר, אַז דער ענטפער וואָס ג' גיט זיינע שונאים, באַשטייט ניט אין שיקן טויט אָדער קראַנקהייט, אָדער אַנדערע שטראָפן, נאָר פשוט דורך לאַכן. נו, איז דאָך דאָס ווירקלאַך א גרויסער וואונדער, אַז ג' מיט זיין גאַנצער מאכט און גבורה, באַנוצט זיך גאָר מיט לאַכן אויף צו באַקעמפן זיינע ערגסטע שונאים?

וועלן מיר זיך טאַקע באַמיען צו דערקלערן וואו ליגט דאָ דער כח פון לאַכן, וואָס ג' אליין באַנוצט עס אלס וואָפן?

יעדער איינער פון אונז ווייס, אַז די צוויי מערבטיגסטע אויסדרוקן פון מענטשלאַכע געפילן, זיינען: „וויינען" און „לאַכען. וויינען איז א צייכן פון הילפסלאָזיקייט. ווען דער כוס פון צער, אָדער אפילו פון פרייד רינט אריבער, פּראָדוצירט זי טרערן און דער מענטש וויינט.

אין דעם פאַל פון וויינען וועט איר זעלטן באַמערקן אַן אונטערשיד אין אויסדרוק פון איין וויינער ביז א צווייטן. איר קענט באַמערקן אַן אונטערשיד אין קול, אָדער אפילו אין די געזיכט-קנייטשן פון פאַרשידענע מענטשן, וואָס וויינען, אָבער אין אויסדרוק דריקט דאָס אויס ביי אַלעמען די זעלבע אומצופרידענהייט אָדער הילפסלאָזיקייט.

לאַכן אָבער איז שוין פיל מער אלזייטיג. עס זיינען דאָ פילע זאַכן וואָס לאַכן דריקט אויס. עס זיינען דאָ שמייכלען, וואָס דריקן אויס: גוטסקייט, הערלאַכקייט, פריינטלאַכקייט, גוטהייסונג, ליבע, צופרידנהייט, אָדער ווידער פאַרקערט, דריקען אויס: שוואַכקייט, גראָבקייט, חניפה, אונטערטעניקייט, נידעריקייט און דאָס גלייכן. א געניטע אויג קען לייכט שטודירען א מענטשן, ווען יענער לאַכט אָדער שמייכלט. דורך א שמייכל קענט איר אויסגעפינען די שטימונג אָדער וואָס פאַר א סאָרט מענטש דער שמייכלער איז.

די גמרא זאָגט אונז, אַז א מענטשן קען מען דערקענען דורך דריי זאַכן: „בכיסו, בכוסו ובכעסו"; דורך זיין פאַקעט,

ווען ער איז שכור און ווען ער איז אין כעס. דער מאמר איז זייער פּאָפּולער און אלע ווייסן דערפון, אָבער וואָס ניט אלע ווייסן, איז דער פאקט, אז אויף דעם זעלבן פלאץ אין תלמוד שטייט געשריבן נאָך א מיינונג, א „ויש אומרים", וועלכער זאָגט אף בשחוק, אז מען קען א מענטשן אויך דערקענען דורך זיין לאכן.

עס זיינען דאָ אָבער דאָ צוויי אנדערע פאָרמען פון לאכן, וועלכע זיינען גוט באקאנט צו אונז מיט די נעמען „אָפּלאכן" און „אויסלאכן".

אָפּלאכן איז זייער א שטארקע, א שאָקירנדיגע מאכט. ווען צום ביישפּיל מען דערציילט אייך, אז דער און דער האָט פון אייך אָפּגעלאכט, פילט איר א באליידיגונג, וואָס טוט מער ווי ווי זידלעריי. אָפּלאכן ברענגט מער ווייטאָג ווי אָנשלאָגן. ווען איר אטאקירט איינעם דורך אָפּלאכן פון אים, מעגט איר זיכער זיין, אז איר וועט אים טאָן מער שאָדן ווי דורך יעדער אנדער מיטל. דער קארטוניסט, וואָס צייכנט אין די צייטונגען קאָמי-שע צייכענונגען, איז ווירקזאמער אין זיין קריטיק, ווי אן עדי-טאָריעל, געשריבן מיט דער גרעסטער לאָגיק, ווייל דער קארטו-ניסט גיט זיין קריטיק דורך אָפּלאכן. רוסלאנד, צום ביישפּיל, האָט אטאקירט פינלאנד, ניט קוקנדיג אויף די פּראָטעסטן פון דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט. עס האָט ניט גענומען לאנג און רוסלאנד האָט זיך פארגעסן וועגן די פּראָטעסטן, אָבער דער געלעכטער, וואָס די וועלט לאכט פון דער מעכטיגער רוי-טער ארמיי, וועלכע האָט זיך געצייגט ווי א ליימענער גולם געגן דער קליינער פינלאנד, — דאָס וועט זי קיינמאָל ניט פאר-געסן.

די צווייטע פאָרמע, וועלכע מיר רופן מיט דעם נאָמען „אויסלאכן", איז זייער א מעכטיגע פארטיידיגונגס-קראפט. ווען מען באשולדיגט אייך, אז אין א געוויסער צייט פון א געוויסן טאָג, זענט איר באגאנגען א פארברעכן און איר ווייסט אז אין יענער צייט זענט איר גאָר געווען אויף א מיטינג, וואו

צענדליגער מענטשן האָבן אייך געזען, וועט איר געווים זיך אויסלאַכן פון אזא באשולדיגונג. אויסלאַכן איז דער גרעסטער אויסדרוק פון זעלבסט-צוטרוי. דער אידישער גלייך-ווערטל, וועלכער זאָגט: „איך לאַך זיך אוים פון אים", דריקט אוים דעם באַגריף, אז איך האָב פאַר אים קיין מורא ניט, ווייל איך פיל זיך זיכער געגן יענעמס אטאַקעס.

ווען אויך, צום ביישפּיל, א קליין קינד זאָל זיך פאַרמעסטן געגן אייך אין כוחות, וועט אייער ענטפער געווים זיין: אוים-לאַכען.

אָט די געדאַנקען דערקלערן איצט איינפאַך די פסוקים אין תהילים און די דערציילונג פון מדרש. ג' מיט זיין בליק אויף דער אייביקייט, און וואָס ווייס דעם סוף פון יעדער זאַך, דריקט אוים צוטרוי און גערעכטיקייט, אין גאָטהייט, דורך אויסלאַכן די גאָטלאָזע פעלקער. א שמייכל פון פולן צוטרוי אין דער צוקונפט, איז דער ענטפער פון ג' צו אלע רשעים, וועלכע פאַרמעסטן זיך געגן זיין הערשאַפט.

מיר אידן האָבן דורכגעמאַכט מיט דערפאָלג א צוויי טוי-זענט יעריגן גלות, נאָר מיט דעם כח פון „אויסלאַכן", ווען דער שונא פלעגט שטיין איבער אונז מיט א בייטש פון אכזריות און פייניגונג. אונזער ענטפער פלעגט זיין א שמייכל פון שפּאָט און אויסלאַכונג. מיר האָבן זיך אויסגעלאַכט פון אונ-זערע שונאים, ווייל מיר האָבן באַזיצט דעם פולן צוטרוי אין אונזער גערעכטיקייט, און האָבן געהאַט טיפע אמונה אין אונ-זער גייסטיגער קראַפט. מיר האָבן געגלויבט באמונה שלמה אז די צוקונפט באַלאַנגט צו אידעאַלן וועלכע מיר האָבן פאַר-טיידיגט מיט אונזער גוף און נשמה. און טאַקע צוליב דעם באַוואוסטזיין און זעלבסט-צוטרוי, האָבן מיר געקענט אויסלאַכן דעם שונא אין פנים.

ליידער אָבער, חשוב'ע פריינט, האָט דער איד אין איצ-טיגען מאָמענט, ווען ער שטייט פנים אל פנים מיט א מעכטיגן שונא, אין א גרויסער מאָס פאַרלוירן זיין אמונה אין גאָט און

אין דער תורה און אין די אלע אידעאלן, וואָס האָבן אים דורך די אלע גלות יאָרן געגעבן דעם כח צו ווידערשטיין די אטאקעס פון זיינע שונאים, און דער איד שטייט טאקע היינט א דער־שראָקענער, א פארלוירענער, און א פארצווייפלטער. דער איד האָט פארלאָרן דעם כח פון אויסלאכן, ווייל ער האָט פארלאָרן זיין באוואוסטזיין און זיין זעלבסט־צוטרוי. עס איז כדאי מיר זאָלן זיך אריינטראכטן אין דעם ענין.

דער קאָפּ און דאָס האַרץ

דאָס האַרץ — דער סימבאָל פון נשמה
דאָס האַרץ איז געקרוינט פון ג' און מענטש
דער קאַמף פון דעם קאָפּ געגן דעם האַרץ
די נצחונות פון דעם קאָפּ
די געשיכטע מיט דעם פויער
דער זיג באַלאַנגט צו דעם האַרץ

חשוב'ע צוהערער:

איך וויל צו אייך היינט רעדן וועגן דאָס האַרץ און די קאָפּ. איך בעט אייך צו געבן דער היינטיגער רעדע מער ווי געוויינלאכע אויפמערקזאמקייט.

דער מענטשלאכער קערפּער איז א צוזאמענשטעל פון א גרויסער צאָל פארשידענע אברים. יעדער אבר האָט זיין באזונדערע אויפגאבע און פונקציע וועלכע ער דערפילט, אונטער נאטירלאכע אומשטענדן, מיט דער גרעסטער ערלאכקייט און פינקטלאכקייט. די ליניעס וועלכע צעשיידן די אויפגאבען פון די פארשידענע אברים, זיינען אזעלכע בולט'ע, אז עס איז אומעגלאך אז איין אבר זאָל זיך אריבערכאפּן אין די גרעניצן פון א צווייטן. אזוי ווי אמת'ע גוטע שכנים, גייט זיך יעדער זיין וועג און טוט זיין ארבעט, און דערמיט העלפן זיי זיך איינער דעם צווייטן. עס קען גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן א קריג צווישן די אברים, ווייל אויב אזא קריג וואָלט אויסגעבראָכן, פארלירן זיי אלע.

איין וויכטיגע אויסנאמע אָבער געפינען מיר אין אָט-דער סיסטעם, און דאָס איז דאָס האַרץ. די פיזישע אויפגאבע פון

דעם האַרץ איז צו פּאָמפּען און צו פאַרשפּרייטן דאָס בלוט אין די פאַרשידענע אברים פון קערפּער. אָבער די מענטשהייט האָט איינגעטיילט דעם האַרץ פאַרשידענע אַנדערע אויפגאַבן. רחמנות, ליבע, גוטסקייט, פריינטשאַפט און סימפּאַטיע זיינען נאָר א טייל פון די פּערל פון דער קרוין, מיט וועלכער די מענטשהייט האָט באַקרוינט דאָס האַרץ. אין די אויגן פון דער מענטשהייט איז דאָס האַרץ דער סימבאָל פון אַלץ וואָס איז שיין און נאָבל אין דער מענטשלאַכער נאַטור. אזעלכע פראַזן, ווי: „ער גיט מיטן גאַנצן האַרצן", אָדער „ער רעדט מיט האַרץ", ווי אויך „מיין האַרץ זאָגט מיר", — פראַזן וועלכע ווערן באַנוצט טעגלאַך אין אונזער שפּראַך, איז א קלאָרער באַווייז, אַז די וועלט האָט געקרוינט דאָס האַרץ אלס הערשערין איבער די פונקציעס פון אַלע אַנדערע אברים פון קערפּער.

אָט־די הערשאַפט פון האַרץ איז באַשטעטיגט נִיט נאָר פון דער מענטשהייט אליין, נאָר עס' איז אויך אַנערקענט ביי דער גאָטהייט. דאָס האַרץ איז א גאָט־געזאַלבטע קעניגין.

אונזערע חכמים באַשטעטיגן דאָס מיט דעם, וואָס זיי זאָגען „רחמנא ליבא בעיה", גאָט וויל זיין אין באַרירונג מיטן מענטשן נאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם האַרץ. „ה' יראה ללבב", גאָט'ס בליק איז שטענדיג געווענדעט צו דעם מענטשלאַכן האַרץ. דער וואוינונג־אָרט פון דער נשמה איז דאָס האַרץ. אין דער וויכטיגסטער פּרשה פון דער תורה, אין דער פּרשה פון קריאת־שמע, וואו גאָט רעכנט אויס וואָס ער פאַרלאַנגט פון מענטשן, ווערט שטאַרק אונטערשטראָכן דער „בכל לבבך", דו זאָלסט ליבן גאָט מיטן גאַנצן האַרצן. א האַרץ וועלכע דערפילט אירע געטלאַכע אויפגאַבן, איז דאָס וויכטיגסטע וואָס דער אויבערשטער פאַרלאַנגט פון מענטש. די וויכטיקייט פון דעם האַרץ אלס וועג־ווייזערין פאַר דעם מענטש, ווערט באַטאָנט צענדליגער מאָל אין די „כתבי הקדש" — הייליגע שריפטן.

אָט־דער צוטרויען צו דער הערשאַפט פון הארץ איז א באַרעכטיגטע. דאָס הארץ איז הערלאך און אויפריכטיג. דאָס וואָס איר פארפלאנצט אין א הארץ, ווערט זייער זעלטן פאַר־געסן. קיין שטורם וועט דאָס ניט אויסרייסן. קיין שטערונג קען אָפּהאלטן דאָס הארץ פון צו שיקן אירע שטראלן פון פריינטשאפט צו די וועמען זי ליבט. זי איז דעמאָקראטיש, קאָסמאָפּאָליטיש (אינטערנאַציאָנאל), ברייט ווי די וועלט און שטאַרק ווי דער גיבראלטער.

פאר טויזנטער יאָרן האָט דאָס הארץ אָנגעהאלטן איר הערשאפט אומגעשטערט. קיינער האָט ניט געוואָגט צו שטירצן איר קעניגרייך. פון דעם לעצטן יאָרהונדערט, אָבער, מיט דעם אָנפאַנג פון אונזער איצטיגער ציוויליזאַציע, איז דער־שינען אן אנדער אבר, וועלכער רעוואָלטירט און וויל איבערנע־מען ביסלאכוויז די מלוכה פון דעם הארץ. אָט דער אבר איז דער קאָפּ.

דער קאָפּ, אָנשטאָט אָנצוגיין מיט זיין באַשטימטער אויפגאבע, אונטער דעם איידעלן איינפלוס פון דעם הארץ, באמיט זיך גאָר צו ווערן א הערשער פאר זיך.

אין דעם קאמף פאר הערשאפט האָט דער „קאָפּ" שוין פארצייכנט אייניגע נצחונות. אין ביזנעס, צום ביישפיל, איז דער קאָפּ א פולשטענדיגער הערשער. דאָס הארץ האָט דאָרט זייער א קליינע דעה. ביזנעס איז געוואָרן כמעט אין גאנצן הארצלאָז. זינט דער קאָפּ האָט איבערגענומען די הערשאפט איבער ביזנעס, איז ביזנעס געוואָרן ברוטאל, מאטעמאטיש, קרעמעריש־חשבונ׳דיג. ווען דער חשבון פון דאָלארס און סענטן שטימט ניט, ווארפט זי טויזנטער מענטשן אין גאס ארויס אומבר׳חמנות׳דיג. דער גרעסטער אומגליק מיט ביז־נעס און דער ארבעטסלאָזיקייט וואָס זי שאפט, איז דאָס וואָס געשעפט האָט פארלאָרן דאָס הארץ. דער קאָפּ איז טאקע קלוג, אָבער דערפאר איז ער אויך דרייעריש, שווינדלעריש און טרוקן, און ווען ער איבערייסט זיינע באציאונגען מיט

דעם הארץ, איז זייער שווער אים צו געטרויען.

די זעלבע הארצלאָזיקייט האָט זיך אריינגעכאַפּט אין דער פּאָליטיק, און דאָס האָט מעגלאַך געמאַכט דאָס אָנקומען פון מערדערישע דיקטאַטאָרס, וועלכע טרעטן מיט זייערע סאָלדאַטסקע שטיוול אויף יעדער מענטשלאַכער רעכט. לויטן חשבון פון קאָפּ איז רויב אייגנטום אויך אייגנטום, ווען אפילו עס קאָסט די לעבנס פון טויזנטער מענטשן. מען פאָלגט דעם חשבון, ווייל אין פאָליטיק איז דער קאָפּ דער בעל-הבית, און פון דעם הארץ לאַכט מען זיך אויס. דאָס יאַפּאַנעזער הארץ וואָלט קיינמאָל ניט געשיקט סאָלדאַטן קיין כינע, אום צו אויסשלאַכטן אומשולדיגע מענטשן און שענדן פרויען. אָבער דאָס הארץ איז ניט מער א דעה-זאָגערין, און די פּאָליטיק און די מיליטערישע קעפּ טוען וואָס זיי ווילן.

זינט די קאָפּ-עפּאָכע איז אָנגעקומען, האָט זיך פארמערט אינגלייביקייט און אפּיקורסות, ווייל דער היינטיגער מענטש זוכט זיין גאָט דאָרט וואו מען קען אים ניט געפינען. ער זוכט גאָט אין דער קאָפּ, אָבער דער קאָפּ איז צו קליין און ניט ריין גענוג אז די גאָטהייט זאָל זיך דאָרטן געפינען. ווען א מענטש זוכט גאָט אין זיין הארץ, וואָלט ער אים זייער לייכט געקענט זען, ווייל דאָס הארץ און ניט דער קאָפּ איז דער וואוינונגס-אָרט פון דער שכינה. ווען עס וואָלט מעגלאַך געווען צו שאפן א שפּיגל, וועלכער זאָל אונז קענען ציייגן אונזערע מו-חות, וואָלטן מיר דאָך געוואָרן רויט פון שאנדע צו זען וואָס עס טוט זיך ביי אונז אין די מוחות. היינט ווי קענען מיר דערוואַרטן צו געפינען גאָט אין אַזאַ נישט פּאַסיגן פּלאַץ? עס דערמאָנט מיר אין דער געשיכטע פון פּויער, וואָס איז פאר-בייגעגאנגען א רייכן קליידער-געשעפט און עס האָט זיך אים פארוואָלט קויפן א קאָסטבאַרן מאַנטל, אום ער זאָל אויסזען ווי א פּריץ. ווען דער אייגנטימער האָט אים דערלאַנגט א רייכן מאַנטל אָנצומעסטן, האָט דער פּויער דאָס אָנגעהויבן ארויפצושלעפּן אויף זיין פּויערשן פּעלצל און די אנדערע שמאַ-

טעס, וואָס ער האָט געטראָגן. ווען דער אייגנטימער האָט דאָס באמערקט, איז ער צוגעקומען צום פויער און אים גע־זאָגט: „דו נארישער פויער, אויב דו ווילסט אָנמעסטן אזא מאנטל, מוזטו פריער אראָפּוואַרפן פון זיך דיינע שמאטעס און דאן וועט דאָס דיר פּאסן". די זעלבע זאך איז ריכטיג ווען מענטשן ווילן אָנטאָן דעם מאנטל פון גאָטהייט אויף דעם קאָפּ. דאָס איז אומעגלאך. עס קען זייער זעלטן פּאסן. ווען דער קאָפּ וויל ארויסגיין פון זיינע גרעניצן, איז זייער געפער־לאך.

דאָס, מיינע חשוב'ע צוהערער, וועט פּאסיג דערקלערן דעם געדאנק אין דער תורה וועגן יציאת מצרים. עס וואונ־דערט יעדערן, ווי קומט דאָס וואָס פרעה האָט געוואַרט ביז ער האָט באקומען פולע 10 מכות, ביז וואנען ער האָט די אידן געלאָזן ארויס פון מצרים. איז ער דען געווען אזוי נאריש אום ניט צו פּארשטיין דאָס ער וועט גענן גאָט ניט אויספירן? דעם ענטפער קענען מיר איצט זייער לייכט פארשטיין: „ואנוכי הכבדתי את לבו". פרעה האָט פּארלאָרן זיין הארץ. דאָס איז דער ענטפער. האָט אים ניט געארט, אזוי לאנג ווי ער האָט געהאט קנעכט וואָס ארבעטן פּאר אים. מיט א הארצלאָזן מענטשן קען מען אלעס פּאסירן.

אלזאָ, מיינע פריינט, איך וויל ענדיגן מיין ריידן מיט דעם שלום. דאָס די לייזונג פון די פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט ליגט אין דעם צוריקקער צו דער הארץ־עפּאָכע, ווען רחמנות און גערעכטיקייט וועלן צוריק ווערן די הערשער איבער דער וועלט. א גוטן שבת.

דער גוף און די נשמה

דער שידוך פון דעם גוף מיט דער נשמה
דער רב און דער בעל-עגלה
די נשמה איז געקריוודעט
די געשיכטע מיט דער בר־מצוה
מען מוז צוריקגעבן דער נשמה איר חלק

אונזערע חכמים, ווי אויך א גרויסער טייל פון די פי־לאָזאָפען פון דער וועלט זאָגן אונז, אז דער מענטש באַשטייט פון צוויי טיילן: איין טייל איז דער קערפּער און דער צווייטער טייל, דער גייסט, אָדער נשמה. אָט די צוויי טיילן פון מענטשן קענען איינער אָן דעם צווייטן ניט עקזיסטירן. דער גוף אָן דער נשמה איז ניט מער ווי אַ שטיק פליישׁ, און די נשמה אָן גוף קען אויך אויף דער וועלט ניט עקזיסטירן. האָט דעריבער דער אויבערשטער מיט זיין געטלאכער חכמה משדך געווען אָט דאָס פּאָרל און דערמיט געשאַפן דעם מענטש אויף דער וועלט.

אָט דער שידוך פון גוף מיט דער נשמה דערמאָנט מיר אָן דעם שידוך פון רב מיט דעם בעל-עגלה.

עס ווערט דערציילט, אז א קליין שטעטלדיגער רב, וועל־כער איז, נעבאך, געווען א גרויסער אָרימאן און האָט געהאט א טאָכטער שוין אין די שלושים און נאָך אלץ א מיידל, האָט מסכים געווען זיך משדך זיין מיט דעם זון פון שטעטלשן בעל-העגלה, וועלכער איז געוואָרן מיט אמאָל רייך פון א ירושה וואָס ער האָט באקומען.

ווען עס איז געקומען די נאכט פון דער חתונה, דער עולם זעט ווי עס קומט אריין דער רב אין חתונה האָל, אָנגעטאָן

מיט א פעלצל און א פּאָר שמוציגע בעל־עגלישע שטיוול און אין א ווײלע ארום איז אָנגעקומען דער צווייטער מחותן, דער בעל־העגלה, אָנגעטאָן אין א זײַדענער קאַפּאָטע מיט א שטרײַמעל און א פּאָר ווײַסע זאָקן און פלאַכע רײנע שיך. אַלע האָבן דאָס אָנגעקוקט ווי אויף בייז־וואונדער. דער בעל־עגלה האָט זיך געפילט זייער ניט אָנגענעם און איז צוגעגאנגען צום רב און אים געפרעגט: „הערט, מחותן, ווי קומט עס דאָס איך שמערל דער בעל־העגלה וואָס האָב מײַן גאנצן לעבן געטראָגן בעל־עגלישע שטיוול, האָב היינט לכבוד דער חתונה, זיך אָנגעטאָן אין רײנע פלאַכע שיך, און איר, וואָס האָט שטענדיג געטראָגן רײנע פלאַכע שיך, האָט זיך היינט גאָר אָנגעטאָן בעל־עגלישע שטיוול?" „פארשטייסטו מיר", האָט געענטפערט דער רב, „עס איז גאַנץ אײנפאַך. דו מעגסט טאַקע היינט טראָגן פלאַכע שיך, ווײַל דו קריכסט היינט ארויס פון א בלאָטע, אָבער איך האָב געמוזט אָנטאָן גרויסע שטיוול, ווײַל איך קריך איצט טיף, טיף אריין אין א בלאָטע.

אָט אזוי זעט אויס דער שידוך פון גוף מיט דער נשמה. דער גוף איז ערדיש, גראָביאַניש, פּרעסעריש, אמת בעל־עגליש. שטאַמען שטאַמט ער פון עפר ואפר, איינפאַכע בלאָטע, א ווערדע האָט ער, „כחרס הנשבר", ווי א צעבראָכענער שערבל. וואָס א יאָר עלטער, אַלץ שוואַכער ווערט ער; וואָס א יאָר ווײַטער — אַלץ מיאוס'ער זעט ער אויס. ווען דער קלענסטער שרייפּל זײַנער ווערט קאַליע, דאַן ברעכט ער צוזאַמען און מען קען ממש פון אים ניט אויסהאַלטן. ער הוסט און קרעכצט און כראָפּעט; ער שרײַט און וויינט און וויל זיך ניט רירן פון אָרט. ער קומט פון בלאָטע און קערט זיך אום צו בלאָטע. אָט דאָס איז דער יחוס פון גוף.

דער צווייטער צד, די נשמה, איז באמת א „יחסנ'טע". זי איז א טאָכטער פון הימל, שיין, פיין און איידל. זי איז באַפּוצט מיט דאָס שענסטע און געטלאַכסטע. אירע חן־פינטלאך זײַנען גוטסקייט, פריינטשאַפט, ליבע, טרייהייט,

גאָטהייט, רחמנות און נאָך און נאָך אנדערע אזעלכע פּערל באשיינען איר געזיכט.

די אלע כלי משחית און געווער, וועלכע באצירן דעם קערפּער מיט דעם קלענסטן ריר, קענען מיט זייער גרעסטן אימפּעט דעם גייסט ניט צעשטערן. די קראַפט פון גייסט איז ממש אומבאגרעניצט. דער גייסט פון אונטערנעמונג האָט געבויט וועלטן, דער גייסט פון אמונה האָט זיי באפּוצט, און דער גייסט פון ליבע באלייכט זיי. גייסט איז אין אלע צייטן געווען דער טורם פון ליכט, וועלכער האָט באלויכטן אונזער פינסטערע ערדישע עקזיסטענץ. וואו נאָר אן איידעלע נשמה קומט, ברענגט זי מיט זיך רו, געטלאכקייט, זיס־קייט און צופרידנהייט, ממש א גן-עדן.

מיר אידן האָבן מער ווי אלע אנדערע וויסן, ווי אָפּצו־שאצען דעם כח פון גייסט, ווייל ווען ניט דער גייסט, וואָלטן מיר שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין אַלס פאָלק. דער שוואַ־כער, געבויגענער און געשלאָגענער אידישער גלות-קערפּער, וואָלט שוין לאַנג אויפגעגעבן דעם קאַמף און אויסגעאָטעמט זיין לעצטן אָטעם, ווען עס וואָלט זיך ניט אריינגעמישט אונזער אידישער גייסט, דער גייסט פון אונזערע אבות, און מיט א שמייכל פון פאראכטונג, אויסגעלאכט דעם שונא אין פּנים.

דער יום-טוב חנוכה, וועלכן מיר אלע פייערן זינט הונ־דערטער יאָרן, איז אן עדות אז גייסט קען ניט באזיגט ווערן. אנטיוכוס הרשע מיט אלע זיינע ארמייען און קראַפט, האָט נישט געקענט זיגן געגן דעם אומדערשראָקענעם גייסט פון אלטן מתתיהו. דער שוואכער קערפּער פון דער אומפאר־געסלאכער חנה׳ען, איז טאקע אומגעקומען דורך די מער־דערישע הענט פון אנטיוכוס׳ן, די זעלבע האנט האָט אויך אומגעבראכט אירע שיינע און געליבטע זיבן זין, אָבער זייער גייסט איז ניט באזיגט געוואָרן. ווייל איצט, ווען אנטיוכוס און זיינע משרתים זיינען שוין לאַנג פארגעסן, ווערט נאָך

אלץ דער גייסט פון חנה'ען און אירע זין, געלויבט און באַ־זונגען פון אלע קינדער פון ישראל. אָט־דער גייסט איז פאַר־זיכערט מיט לעבן אזוי לאַנג ווי עס וועט בלייבן אפילו איין איד אויף דער וועלט.

דעריבער, מיינע ליבע פריינט, קענט איר איצט גאַנץ לייכט איינזען דאָס דער גוף האָט זיך שוין גאָרניט געגארט אין זיין שידוך מיט דער נשמה. ער האָט זיך, חלילה, גאָר נים וואָס צו שעמען מיט זיין באַשערטער, א כלה מיט אלע מעלות, א מיוחסת, אַ געזונטע, ניט קיין אויסבריינגערן, שרייט ניט און שעלט ניט. נו, האָט דאָך דער גוף געדאַרפט באַ־האַנדלען דער נשמה מיט איינזען און יושר, אָבער אין דער אמת'ן ווערט זי גאָר באַהאַנדלט נאָך ערגער ווי א שטיף־קינד.

אָט האָט איר א ביישפיל: מיט איניגע מאָנאטן צוריק האָב איך געהאט ביי מיר אין שול א בר־מצוה, פאַר וועמען די עלטערן האָבן געהאט אראַנזשירט א פארטי אין א האָל, און אויף וועלכער עס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן 150 קאַפּלס. אָט־די פאַרטי האָט געקאָסט די עלטערן 600 דאָלער, אויסער אנדערע הוצאות. ווי איבעראַשט אָבער בין איך געוואָרן, ווען אין א טאָג שפּעטער קומט אריין אין מיין אָפיס דער זעל־בער בר־מצוה און פרעגט מיר וואו מען קען קריגן איינעם וואָס זאָל אָפּפיינטן די תפילין. פרעג איך אים: זאָג מיר נאָר, מען האָט ניט געקויפט דיר קיין נייע פאָר תפילין? „ניין", ענטפערט ער, „אָט די זיינען מיין פאָפּא'ס תפילין און פאָפּא זאָגט, אז זיי זיינען טאַקע 17 יאָר אלט, אָבער ער האָט זיי קיינמאָל נישט געיוזט". זעט איר, אז פאַר דעם גוף איז 600 דאָלער ניט צו טייער, אָבער ווען עס קומט צו א פאָר תפילין, וועלכע איז דער נשמה'ס חלק, דאַן קען מען זיך ניט פאַר־גינען די הוצאה פון צוויי דאָלער פאַר א פאָר נייע תפילין.

די שיינקייט און קדושה פון אמאָליגן שבת איז כמעט ווי אינגאַנצן פאַרשוואונדן, אָבער חלה מיט געפילטע פיש, דעם

גופ׳ם חלק, דאָס וועט איר נאָך געפינען אין א סך, א סך אידי-
שע היימען. שטעלט אייך פאָר, ווען אידן גיבן אויף ארץ יש-
ראל, וועלכע איז די נשמה-היים פון אונזער פאָלק, דאָס וואָס
עס קאָסט זיי סיגארעטלאך פאר זייערע ווייבער און טעכטער,
וואָלט שוין ארץ ישראל לאנג אויסגעלייזט געוואָרן. דעם זעלבן
גורל ליידן די שולן, ישיבות, תלמוד-תורות, דער אידישער בוך
און די אלע אנדערע גייסטיגע שפייזן, וועלכע באלאנגען צו דער
נשמה. דער אידישער קערפער אין אמעריקע געניסט ב׳ה פון
דאָס בעסטע, אָבער דער אידישער גייסט קריגט נאָר די ברעק-
לאך, וואָס בלייבן פון גופ׳ם רייכן מאָלצייט. איך וויל ענדיגן
מיט דעם וואונטש, דאָס מיר וועלן באשליסן צו געבן אונזער
גייסט לכל הפחות אזוי פיל אויפמערקזאמקייט וויפל מיר גיבן
אונזער קערפער.

האַפּענונג

די געשיכטע פון טהענקסגיווינג
דער טיפער באגריף וועגן דעם יום־טוב
די געשיכטע מיט דער סעמעטערי
יעקב׳ס חלום פון האָפּענונג
האָפּענונג — דער כח פון אידן

דעם קומענדיגן דאָנערשטאָג וועט דאָס גאַנצע לאנד פייערן דעם שיינעם און דערהאבענעם אמעריקאנער יום-טוב, וועלכער איז באקאנט אונטער דעם נאָמען „טהענקס-גיווינג דעי”. אין אידיש מיינט דאָס, דער טאָג פון דאַנק-זאָגונג.

די ערשטע פייערונג פון דעם יום-טוב איז פאָרגעקומען אין דעם יאָר 1621, דאָס הייסט, העכער 300 יאָר צוריק. ווען די אמעריקאנער ערד האָט מיט איר פולער מוטערלאכער גנאָד אָנגעהויבן צו שפייזן די הונגעריגע מאָגנס פון די ערשטע איינוואָנדערער קיין אמעריקע, האָבן יענע אימיגראנטן אויס-געדריקט זייער אנערקענונג צום באשעפער מיט תפלות און דאנקזאָגונג. ניט נאָר האָבן זיי אָפּגעזונדערט אָט-דעם טאָג פאָר דאנקזאָגונג פאָר זיך אליין אין יענער צייט, נאָר עס איז אויך געווען זייער כונה, אז די קומענדיגע דורות פון דעם גרוי-סען און געבענטשטן לאנד, זאָלן נאָכפאָלגן אָט-דעם נאָבעלן ביישפיל און אָנהאַלטן דעם טאָג אַלס א נאציאָנאלן יום-טוב. דער וואונטש זייערער איז מקוים געוואָרן, ווען אין דעם יאָר 1863 איז „טהענקסיגווינג דעי” פּראָקלאמירט געוואָרן אלס נאציאָנאלער יום-טוב, וועלכער ווערט געפייערט יערלאך אי-בערן גאנצן לאנד.

נאַטירלאך איז דאָס שווער פֿאַר אונזערע מענטשן פֿון איצ־טיגען דור, וועלכע קענען זיצן אין אַ סטים-באַהייצטער וואוי־נונג אויף א ווייכן טשער און איינהערן זיך צו רייכע מוזיקאַ־לישע פּראָגראַמען אויף דער ראַדיאָ, צו פֿאַרשטיין וואָרום מענטשן זאָלן מאַכן א גאַנצן יום-טוב דערפֿאַר וואָס זיי האָבן באַקומען א אָרים שטיקל ברויט, פֿאַר וועלכן זיי האָבן באַ־צאָלט מיט שווייס און בלוט. ווען אָבער איר דרינגט אריין אביסל טיפֿער אין די פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען פֿון יענע ערשטע אימיגראַנטן, וועט איר גלייך איבערצייגט ווערן, אז זייער פֿייערונג און פֿרייד פֿאַר זייער ערשט שטיקל ברויט, איז געווען פֿולקאָם באַרעכטיגט.

שטעלט זיך פֿאָר מיט 300 יאָר צוריק, ווען פֿאָרן אויף דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן האָט געמיינט זיך ממש אריינוואַרפֿן דעם מלאך המות אין האַנט אריין, ווען נאָר איינציגע געציילטע שיפֿן האָבן מיט דערפֿאָלג דורכגעשוואומען די צאָרנדיגע וואַ־סערן פֿון דעם אומבאַוואוסטן ים, דאַן קומט דער ביטערער שיקזאַל און לייגט ארויף זיין אומב׳רחמנות׳דיגע האַנט און באַפֿעלט זיי צו נעמען דעם וואַנדער-שטעקן און צו גיין אין א ווייסט לאַנד, וואו 3,000 מייל וואַסער וועט זיי אויף אייביג צעשיידן פֿון זייערע בעסטע און ליבסטע.

אָט יענע אָרימע וואַנדערער האָבן געזען דעם טויט פֿאַר די אויגן יעדעס מאָל, ווען א ברויזנדיגע כוואַליע האָט אַ שלאָג געטאָן איבער זייער שוואַכער, הילצערנער זעגל-שיף. געוויס האָבן זייערע הערצער שטאַרק געקלאַפּט מיט בענקעניש נאָך דעם אלטן היימישן שטעטל. געוויס איז א שווידער דורכגע־לאָפֿן זייער לייב, ווען זיי האָבן דערפֿילט זייער איינזאַמקייט און אומזיכערהייט. מיט יעדן אָפּגעפֿאָרענעם מייל, זיינען אלץ דינער געוואָרן די פֿעדים מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט, אלץ טונקעלער די אויסזיכטן פֿאַר דער צוקונפֿט. אלעם ארום זיי איז געווען כמאַרנע און שוואַרץ. די בייזע גייסטער פֿון אַנ־טוישונג און פֿאַרצווייפֿלונג וואָלטן געוויס געזיגט איבער די

געפּלאָגטע געמיטער פון אַט-די וואנדערער, ווען אין זייער געמיינעם באַגאַזש וואָלטן זיי ניט מיטגעפירט מיט זיך די מידות פון דאנקבארקייט און האָפענונג, דאנקבארקייט פאר דעם ביסל וואָס זיי האָבן, און האָפענונג פאר א מער גליקלאַ-כער צוקונפט. דאָס ערשטע שטיקל ברויט, וואָס זיי האָבן ארויסבאַקומען פון זייער ניי לאַנד, האָט געהאַט פאר זיי די באַדייטונג ניט נאָר פון שפּייז, נאָר עס איז אויך געווען דער סיגנאַל פון אַ פאַרפולטער האָפענונג, דער באַווייז, דאָס מענ-טשלאַך שוויים און בלוט, דאָס מענטשלאַכע קרבנות גייען ניט לאיבוד.

די פאָלגנדיגע דערציילונג וועט אמבעסטן אילוסטרירן דעם דאָזיגן געדאַנק. עס ווערט דערציילט, אז אַ פאָטער און אַ קינד זיינען אמאָל געגאַנגען אין וועג. ווען עס' איז געוואָרן פינסטער און זיי זיינען נאָך אַלץ געווען ווייט פון א ישוב, האָ-בען זיי באַשלאָסן ווייטער אָנצוגיין מיט זייער וואנדערונג, ביז זיי וועלן, פּיליכט, זיך דערשלעפּן צו ערגעץ א שטאָט. לאַנג-זאָם און פאָרזיכטיג האָבן זיי געטאַפּט אין דער פינסטער, ביז פלוצלונג האָבן זיי זיך ביידע אָנגעשלאָגן אין א שטיין. ווען זיי זיינען געקומען צו זיך, האָבן זיי זיך ארומגעזען, אז דער שטיין אין וועלכן זיי האָבן זיך צעשלאָגן, איז א מצבה פון א מת, און אז דער פּלאַץ אויף וועלכן זיי שטייען, איז א סע-מעטערי. דאָס קינד האָט אָנגעהויבן צו וויינען און איינטור-ליענדיג זיך נאָענט צום טאַטן, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען: „טאַטע, איך האָב מורא! דאָ איז דאָך א סעמעטערי. דאָ ליגן דאָך מתים". דער פאָטער, אָבער, האָט אָנגעפאַנגען צו שמייכ-לען און איז געוואָרן פריילאַך. האָט אים דאָס קינד געפרעגט: „טאַטע, ווארום ביסטו אזוי פריילאַך, האָסטו דען ניט מורא פאר א סעמעטערי?" „ניין, מיין קינד", האָט געענטפערט דער פאָטער, „ווייל אויב מיר זיינען אויף א סעמעטערי, איז א סימן אַז מיר זיינען נאָענט צו א שטאָט, און מיר וועלן באַלד זיין געהאָלפענע".

יעס, מיינע ליבע פריינט, וואו עס איז דאָ טויט, דאָרטן איז שכנות איז דאָ לעבן . . . נאָך אַ שטורם קומט די זון, נאָך דער נאַכט קומט דער טאָג, נאָך פינסטערניש קומט ליכטיקייט. אַלעס וואָס א מענטש האָרף האָבן איז האָפּענונג, אום ער זאָל קענען דערגיין די פינסטערניש. דאָס איז דער הויפּט-געדאַנק פון טהענקסגיווינג.

מיר אידן האָבן א דאָפּלטע אורזאַכע צו פייערן טהענקסגיווינג דעי. אויסער וואָס אַלע גוטע אמעריקאַנער בירגער טיילן מיר די פריידן פון אַלע אַנדערע בירגער פון לאַנד, אויסער דעם וואָס עס איז גלאַט געשמאַק צו עסן ענדיק, דאַרפן מיר זיין שטאָלץ דערמיט, וואָס דער גייסט פון דעם יום-טוב איז געבאָרגט פון אונזער גייסטיגן אוצר, פון אונזער תורה. פון די פילע ביישפּילן, וועלכע געפינען זיך אין אונזער תורה וועגן דער מידה פון האָפּענונג און בטחון, וויל איך נאָר ציטירן די לעבנס-געשיכטע פון אונזער פאָטער יעקב, וועגן וועלכן עס ווערט פיל דערציילט אין די סדרות פון די לעצטע פאָר וואָכן.

יעקב אבינו, דער איש תם, דער ערלאַכער און שטילער יעקב, האָט דורכגעמאַכט א שטורמישן און טראַגישן לעבן. די כוואַליעס פון ים פון לעבן האָבן געשלאָגן איבער אים אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ. אין זיין קינדהייט האָט הער בייזער רוח פון עשיו'ס שנאה נאָכגעפאָלגט אים אויף שריט און טריט, ביז דער אָרימער יונגער יעקב האָט געמוזט נעמען דעם וואַנדערשטעקן אין האַנט, אום זיך צו ראַטן פון זיין ברודער'ס האַס און נקמה. אָרים און איינזאַם, הונגעריג און אומבאַשיצט. טרעפן מיר יעקב'ן אויף זיין וואַנדערונג צום אָנקל לבן. די קאַלטע ערד איז זיין געלעגער און די האַרטע שטיינער זיינע קישנס. דער קלימאַקס קומט, ווען די זון פאַרגייט און די נאַכט ווערט איינגעהילט אין א דיקער פינסטערניש. ווען אַלעס אַרום איז איינגעטוליעט אין חושך און מורא. יעקב שטעלט זיך אָפּ, לייגט אוועק זיין קאָפּ אויף די האַרטע שטיינער. דער קאָפּ טוט וויי, די ביינער ברעכן פון קעלט און נעץ,

דאָס הארץ קלאַפּט פון שרעק און אַט, אַט שטייט יעקב ביים שוועל פון פאַרצווייפלונג. אָבער מיטאָמאָל „ויחלום יעקב", א חלום קומט צו יעקב'ן, דער חלום פון האָפענונג, דער שטראַל פון בטחון. יעקב זעט, אז טראָץ דעם וואָס ער איז איצט אויף דעם נידעריגסטן שטאַפּל פון דעם לייטער פון לעבן, קען ער נאָך שפּעטער זיין אויף דעם העכסטן, ווייל אויף דעם לייטער פון לעבן שטייט מען ניט נאָר, עס איז א שטענדיגער ארויף און אראָפּ, אראָפּ און ארויף.

דאָס ליכט פון האָפענונג איז געווען דער וועג-ווייזער ניט נאָר פאַר יעקב'ן, נאָר פאַר אַלע אונזערע אבות. דאָס האָט געהאַלטן יוסף'ן, ווען ער איז געווען ביי פרעה'ן אין פריזאָן, דאָס האָט געהאַלטן משה'ן, ווען ער איז אַנטלאָפן פון מצרים, דאָס האָט געהאַלטן דניאל'ן, ווען ער איז געווען אין דער גרוב פון לייבן, דאָס העלפט אונז אידן דורכצומאכן אַזאַ לאַנגן פינסטערן גלות.

אַט-די מידה פון האָפענונג האָט געהאָלפן אין דעם גע־בורט און אנטוויקלונג פון דעם רייכן און מעכטיגן לאַנד אמע־ריקע.

אַט דער נאָבעלער גייסט וועט אויך העלפן צו פאַרטרייבן די וואָלקנס פון דעפּרעסיע איצט און אין דער צוקונפט. די אַלע בייזע רוחות פון שנאה און האס, וועלכע שוועבן איצט אין דער לופט פון אונזער לאַנד, וועלן קיינמאָל ניט קריגן די אויבערהאַנט, כל-זמן עס לעבט דער גייסט פון טהענקסגיווינג.

לשון הרע

צוויי אינטערעסאנטע ביישפּילן אין תּלמוד וועגן לשון־הרע
דער גרעסטער שונא פון מענטשנ׳ס גליק
לעבן און גליק — די שטרעבונג פון דער מענטשהייט
לשון־הרע צעשטערט יעקב׳ס היים
היט זיך פאר אַט־דעם שונא

דאָס לעבן איז א בן־יחיד ביי יעדן איינציגן מענטשן, ווייל מער ווי איין לעבן פאַרמאָגט קיינער ניט אין דער וועלט. דער שענסטער באַגלייטער צום לעבן אין א ביסעלע גליק, א גליק־לאַך לעבן, דאָס איז די שטרעבונג און האָפענונג פון יעדן מענטשן.

לעבן און גליק איז די שענסטע מתּנה וואָס דער אויבערשטער האָט אראָפּגעשיקט אויף דער ערד. ליידער, אָבער, איז די זעלטענע מתּנה ארומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט זייער און זייער פיל שונאים. מלחמות און קראנקהייטן, אומצופרידנהייט און פאַרצווייפלונג, און נאָך און נאָך אנדערע אַזעלכע מלאכי־חבלה זיינען נאָר אַ טייל פון די גרויסע מאַסע שונאים, וועלכע שטייען שטענדיג באַרייט צו פאַרניכטן אונזער לעבן און גליק.

איינער פון אָט־די שונאים פון דער מענטשהייט, וועגן וועלכן איך וויל צו אייך ריידן היינט ביי־טאָג, איז די שלעכטע מידה, וועלכע איז אונז אַלעמען גוט באַקאַנט מיט דעם נאָמען „לשון הרע״, דער בייזער צונג, וועלכער טראָגט רכילות, וועלכער באַרעדט און קריטיקירט יענעם, וועלכער פאַרשפּרייט פאַלשע קלאַנגען און העצט איין מענטשן געגן אַנדערן, איז דער געפערלאַכסטער שונא פון מענטשלאַכן גליק.

טייכן קען מען אָנזאַמלען פון די טרערן וואָס ער האָט פאַראורזאַכט, בערג קען מען שאַפן פון די הערצער וואָס ער האָט צעבראָכן, מדינות קען מען בויען פון די היימען וואָס ער האָט צעשטערט. וואו נאָר דער יעדער בייזער גייסט פון לשון הרע גייט דורך, דאָרטן לאָזט ער איבער נאָך זיך אַן עמק הבכא, אַ יאָמער און געוויין. אַ פּאָר שלעכטע, בייזוויליגע ווערטער קענען אָפּרייסן אַ מאַן פון זיין פרוי, אַ קינד פון דער מאַמען, אַ ברודער פון אַ שוועסטער.

אײן קלײנער ריר פון א בייזן צונג קען אויסלעשן די שטאַרקסטע פייערן און ליכט פון ליבע און פריינטשאַפט. די ערשטע זינד וואָס עס איז געקומען אויף דער וועלט, די זינד פון דער מוטער חוה, איז געבראַכט געוואָרן אַהער דורך דעם גלאַטן און פאַלשן צונג פון שלאַנג, און זינט דאַן זיצט דער שלאַנג פון לשון הרע אין יעדן איינציקן פון אונז און טוט זיין פאַרגיפטונגס־אַרבעט אָן אויפהער.

אין אונזער הייליגער גמרא ווערט זייער פיל געבראַכט וועגן די גרויסע זינד פון לשון הרע. אין דער גמרא (ערכין) ווערט געבראַכט, דאָס גאָט האָט אַ טענה צום צונג און זאָגט צו אים אזוי: „. . . זע נאָר צונג! אלע באַוועגלאַכע אברים ביים מענטשן זיינען אין דרויסן פון קערפּער, זיי דאַרפן אויס־שטיין קעלט און היץ און אלע אנדערע שוועריקייטן. אָבער דיר, דיר האָב איך אוועקגעלייגט אין מענטשנ׳ס מויל, וואו דו ליגסט אין דער ווארעם און באַקוועם, און נאָך מער: איך האָב דיר ארומגעצאַמט מיט צוויי באַשיצונגען פון פלייש — דאָס זיינען די ליפּן און פון ביין, דאָס זיינען די ציינער. האָסטו דאָך ע״פ יושר געדאַרפט זיין צו־פרידען און אנשטענדיג, און אַם ענדע טוסטו אָן מער שאָדן אויף דער וועלט ווי אלע אנדערע אברים צוזאַמען״.

נאָך אַ זייער אינטערעסאַנטער ביישפּיל ווערט געבראַכט אין דער גמרא, וועלכער זאָגט דאָס פאָלגנדיגע:

„ווען משיח וועט קומען וועלן אלע בייזע חיות פון דער וועלט קומען צום שלאַנג מיט אַ גרויסער שאלה. דער לייב,

וועלכער איז די ווילדסטע חיה, וועט זאָגן צום שלאַנג: הער זיך צו, דו שלאַנג! מילא, איך צעריים מענטשן, האָב איך כאָטש הנאה דערפון, ווייל נאָכדעם ווי איך טויט זיי, עס איך זיי אויף און שטיל מיין הונגער דערמיט, אָבער דו? ווען דו שפריצט אריין דיין גיפט אין א מענטשן, טויטסטו אים, אָבער קיין הנאה דערפון האָסטו ניט, ווייל נאָכדעם ווי דיין קרבן שטאַרבט, גייסטו זיך אוועק רואיג דיין וועג. דו שלאַנג ביסט איינפאַך א קאַלטבלוטיגער גזלן און מערדער . . . מיט דער זעלבער שאלה וועלן קומען צו אים אלע אנדערע ווילדע חיות. אויף די אלע שאלות ענטפערט דער שלאַנג אזוי: ברידער חיות, איך האָב זיך גוט צוגעהערט צו אלע אייערע טענות, און דעם אמת זאָגנדיג, איך האָב אייך גאָרניט מיט וואָס צו ענטפערן. איר זייט פולקאָם גערעכט. נאָר איין זאַך וואונדערט מיך: וואָס זייט איר עפּעס געקומען דוקא צו מיר? גייט בעסער און פרעגט די זעלבע שאלה דעם מענ־טשען אליין. ער האָט אין זיין מויל א גיפט, וועלכער איז שעדלאכער און שרעקלאכער פון מיינעם, און ווען ער גיפ־טעט האָט ער דערפון אויך קיין הנאה ניט. דערמיט האָט זיך דער געשפרעך געענדיגט. די חיות האָבן איינגעזען, אז דער שלאַנג האָט זיך פון וועמען צו לערנען, און זיי זיינען שטיל געוואָרן".

דער שלאַנג איז דאָך ווירקלאַך גערעכט, ווארום דער גיפט פון מענטשלאכן שלאַנג, דער גיפט פון לשון הרע, איז די מעכטיגסטע פארניכטונגס־קראפט אויף דער וועלט. נעמט צום ביישפיל א שטיק אייזן. דאָס קען טויטן אַ מענטשן. אָבער אום צו טויטן אים, מוז דער קרבן זיין נאָענט צו אייך. אַ פיסטאל אָדער א ביקס קען הרג׳ענען אַ מענטשן, ווען ער איז אפילו אביסל ווייטלאך אוועק. אָבער אויב דער קרבן איז אייניגע מייל אוועק, אָדער ער באשיצט זיך אונטער אַ וואנט, דאַן האָט די קויל אויף אים קיין שליטה ניט. די גרעסטע קאנאָנען ברייגען שאָדן נאָר אין א ווייטקייט פון

בערך 30 מייל, אָבער דער צונג קען ריידן א פּאָר רכילות ווערטער אין ניו יאָרק און דערמיט ברענגען אומגליק צו א מענטשן וואָס וואוינט גאָר אין סאַן-פראַנציסקאָ.

איצט, מיינע חשוב׳ע צוהערער, ווען מיר האָבן זיך אביסל באקאנט געמאכט מיט דער דינאמישער צעשטערונגס-קראפט פון לשון הרע, קענען מיר בעסער פארשטיין די געשיכטע פון יוסף׳ן מיט די ברידער, וועגן וועמען עס ווערט גערעדט אין דעם חומש בראשית.

גיט א מיש אויף א ווײלע די בלעטער פון דער אידישער געשיכטע, ביז צו די ערשטע עטלאכע קאפיטלען און שטעלט אייך פאָר דאָס בילד פון יעקב׳ן און זיין פאמיליע.

אָט זעט איר א גרויסן געצעלט און אן אָפענעם פעלד אונטער די בלויע הימלען און דער ווארימער זון-שיין פון לאנד כנען. שעפסן און קעמלען, בהמות און אָקסן דרייען זיך ארום און גריזשען רואיג דאָס גרינע גראָז, וואָס רינגלט ארום, אויף גרויסע שטרעקעס, דעם רייכן אָריענטאלישן געצעלט פון אונ-זער פאָטער יעקב. קנעכט און דינסטן לויפן הין און צוריק אכטונג צו געבן, אז די גיטער פון זייער שיינעם בעל-הבית זאָל זיין אין דער בעסטער אָרדענונג. דאָ זעט איר דעם הויכן גרייז-גרויען יעקב מיט דעם לאנגן שטעקן אין האנט און א זיסער געטלאכער שמייכל אויסגעגאָסן אויף זיין הייליגן גע-זיכט. ער גייט ארום מיט ברכות אויף זיינע ליפן און אָן אונ-טערשיד פון קינד און קנעכט, באגריסט ער יעדערן מיט זיין הארציגער ברכה. און שטעלט אייך ווייטער פאָר: עס קומט פרייטאָג פארנאכט, די קינדער קומען אהיים מיט די שעפסן פון דער פאַשע. א געטלאכע, שבת׳דיגע שטילקייט הויבט אָן צו באהערשן די סביבה. נאָך קידוש, עס זעצט זיך יעקב אויבן-אָן. ארום אים ביים שיינעם שבת-טיש זיצן די קינדער און זיין הויזגעזינד. קדושה און ליכטיקייט באליכט יעדעם ווינקעלע פון געצעלט. יעקב קוקט אויף די פרומע פנים׳ער פון זיין ליבער פרוי און קינדער. זיין בליק פאלט אויך אויף

די שבת ליכט. ער ווערט פארטראכט, הויבט אויף די אויגן אין דער הויך און זאָגט: גאָטעניו מיינער! דו ליבער גאָט פון מיינע טייערע עלטערן, „קטנתי מכל החסדים״, איך בין דאָך גאָרניט ווערט דיין חסד וואָס דו טוסט מיט מיר. א הייסע טרער פון פרייד גיסט זיך אראָפּ פון זיינע ליכטיגע אויגן. די טרערן באַנעצטע אויגן ווארפן ווייטער א בליק אויף די קינ-דער. יעקב׳ס הארץ ווערט פול. ער ווענדט זיך צו די קינדער און זאָגט: קינדערלאך מיינע! מיין לעבן ביז איצט איז געווען א שווערס און געפּלאָגטס. ווען נאָך א קינד בין איך אָפּגעריסן געוואָרן פון מיין טאטנ׳ס טיש. איך בין אוועק פון דער היים ווען איך בין נאָך א קליין אינגל געווען. 20 שווערע יאָר האָב איך געארבעט אין סוועט-שאָפּ ביי לבנ׳ען, געארבעט שווער און ביטער. זעט, קינדערלאך, מיין צעקנייטשטן פּנים. קוקט אויף מיינע סיווע האָר, זיי טראָגן דעם שטעמפּל פון פּיין און ליידן. אָבער גאָט-צו-דאנקען, ווען איך גיב א קוק איצט און זע אייך, מיינע ליבע קינדער, און דאָס ביסעלע פארמעגן וואָס גאָט האָט מיר געשיינקט, פיל איך זיך דאָך דער גליקלאכסטער מענטש אויף דער וועלט. גאָט מיינער, א דאנק דיר און א לויב דיר פאר דעם ביסעלע גליק.

יעס, „ביקש יעקב לישב בשלוה״, יעקב׳ן האָט זיך גע-בענקט נאָך א ביסעלע רואיקייט, א ביסעלע גליק, אָבער דאן קומט פּלוצלונג „רגזת יוסף״, א פּאָר לשון הרע ווערטער האָ-בען אינגאנצן צעבראָכן דאָס שווער-פארהארעוועט ביסל נחת. א פּאָר לשון הרע ווערטער פון יונגן יוסף האָט אויף שטענדיג אויסגעלאָשן דאָס פייערל פון פרייד אין דעם געפּלאָגט הארץ פון יעקב׳ן. ווי א שטורם האָט דאָס צעבראָכן די גליקלאכע היים. אָט-די פרומע זין פון יעקב׳ן זיינען שיער ניט באגאנגען א ברודער-מאָרד. אָנשטאָט מלאכי-השרת האָבן שדים אָנגע-הויבן צו טאנצן ארום יעקב׳ס געצעלט. אפילו צדיקים, ווייזט אויס, קענען אויך פאלן קרבנות אין די הענט פון רכילות. קיין אנדער זאך, אויסער א בייזער צונג האָט געקענט ברייגנען

ברודער-האס און צעשטערונג אין אזא גליקלאכער און געטלא-
כער היים, ווי די פון אונזער פאָטער יעקב.

צום שלום, מיינע פריינט, וויל איך אייך אויפמערקזאם מאכן, אז עס איז ניט נאָר א גרויסע זינד צו ריידן לשון הרע, נאָר עס איז אויך פארבאָטן און שעדלאך צו הערן לשון-הרע, ווייל ווייסן זאָלט איר, אז ווען איינער רעדט פאר אייך שלעכטס אויף א צווייטן, וועט ער דעם נעקסטן מאָל ריידן פאר יענעם אויף אייך. און איך וויל ענדיגן מיין ריידן מיט דער עצה פון אונזער תורה: „מי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראות טוב, תציר לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה”, ווען פון אייך עס וויל לעבן אין גליק, היט אייער צונג פון צו ריידן שלעכטס און אייערע ליפן פון פאלשקייט.

קריטיק און קריטיקער

קריטיק איז נויטיג און נוצבאר
א קריטיקער דארף זיין א מבין
דריי סאָרטן קריטיקער
מבינות אויף א רב
די געשיכטע וועגן ציניקער

קריטיק איז זייער א ווינשענסווערטער אינסטרומענט אין דער אנטוויקלונג פון מענטשלאכן שאפן. מיט דעם וואָס מען קריטיקירט אויף א פריינטלאכן אופן איינעמס ארבעט, העלפט מען אים דורך דעם צו פארבעסערן זיין ארבעט אין דער צו־קונפט און דאָס העלפט אים אויך זיך צו פארפולקאָמען אין זיין פאַך. דער גרויסער תנא און געלערנטער „רבי" האָט געזאָגט, אז כל־זמן קריטיק איז דערלויבט אין דער וועלט, איז די וועלט פאַרזיכערט געגן יעדן בייז און אז קריטיק ברענגט מיט זיך גוטעס און ברכה אויף דער וועלט.

דער פאַקט, דאָס ווען מיר גייען קויפן א קאָסטבארן אר־טיקעל, באראָטן מיר זיך מיט א מבין, דאָס הייסט מיט איינעם, וועלכער איז אימשטאנד צו געבן א ריכטיגע קריטיק, אָדער אָפּשאצונג וועגן דעם ארטיקל, איז א סימן, אז דער געוויינ־לאכער מענטש אנערקענט קריטיק, ניט נאָר אלס ווינשענס־ווערט, נאָר אויך אלס א ניצלאכע נויטווענדיקייט. די ניצ־לאכקייט פון פריינטלאכער און קאָנסטרוקטיווער קריטיק איז נויטיג ניט נאָר אין ענינים פון פראָדוקטן און מענטשלאכער שאפונג, נאָר אויך אין אונזער פערזענלאכער באנעמונג און אויפפירונג. ווען מיר זעען אז אונזערער א באקאנטער אָדער פריינט פירט זיך אויף ניט פאסיג, איז אונזער מענטשלאכע פליכט אים אויפמערקזאם מאכן אויף דעם. אין דער תורה

ווערט געבראכט א באזונדער געבאָט: „הוכח תוכיח את עמיתך״, עס איז די פליכט פון יעדן מענטשן צו קריטיקירן זיין פריינט, ווען יענער טוט שלעכטס. אויך דער תלמוד ברענגט אין נאָמען פון תנא ר׳ חנינא, אז די אורזאך וואָרום ירושלים איז חרוב געוואָרן, איז געווען „שלא הוכיחו זה את זה״, זיי האָבן זיך איינער דעם צווייטן ניט קריטיקירט. אפילו אין אונזערע איצטיגע צייטן זעען מיר, אז די כמארע פון וואָלקנס און חורבן, וואָס רוקט זיך אויף דער וועלט, קומט פון די לענדער, וואו קריטיק איז שטרענג פארבאָטן. אין משלי ווערט געבראכט: „הוכח לחכם ויאהבך״, ווען מען קריטיקירט א קלוגען מענטשן, וועט ער קיינמאָל ניט ווערן ברוגז דערפאר, נאָר פארקערט, ער וועט נאָך זיין דאנקבאר צו דעם וואָס קריטיקירט אים.

אלזאָ, מיינע פריינט, עס איז ניט נויטיג פאר מיר צו ברענגען נאָך באווייזן צו צייגן, אז קריטיק איז ווינשענסווערט, נויטווענדיג און נוצבאר. און איך וויל דעריבער איצט אריבער גיין פון דעם ענין פון קריטיק צו דעם ענין פון קריטיקער.

א קריטיקער דארף הייסן דער, וואָס איז אימשטאנד צו געבן די ריכטיגע קריטיק אויף מענטשלאכער שאפונג און אויפפירונג. צו זיין אן אינטעליגענטער, קאָנסטרוקטיווער קריטיקער, דארף איינער זיין אן עקספערט אין פאך, אום ער זאָל קענען קריטיקירן א צווייטן קענער אין דעם זעלבן פאך. צו זיין א קריטיקער אויף א צווייטן מענטשנ׳ס אויפפירונג און מעשים, דארף דער קריטיקער זיין בעסער און גרעסער פון דעם וועמען ער וויל קריטיקירן. קריטיקירן איז א וויכטיגער פאך, וועלכער דארף רעזערווירט ווערן נאָר פאר די וועלכע זיינען פייאיג און פאסן זיך דערצו.

ליידער, אָבער, געפינען מיר אין דער ווירקלאכקייט, דאָס יעדער מענטש האַלט זיך פאר א מבין אויף אלעס און דערלויבט זיך וויפיל נאָר זיין הארץ גלוסט צו קריטיקירן אלעמען און אלעס.

מענטשן, וועלכע ווייסן ניט אפילו דעם אלף־בית פון טעא־טער, וועלן זיך דערלויבן צו קריטיקירן דעם אָדער יענעם אַקטיאָר און דורך דעם אים טאָן שאָדן. מענטשן וועלכע קע־נען קוים א שייטל עברי, דערלויבן זיך צו קריטיקירן א רב׳ם א דרשה. מאנכע מענטשן, וועלכע זיינען אויסוואורפן אליין, דערלויבן זיך צו קריטיקירן א צווייטנס אויפפירונג. מיינע פריינט, כדי צו מאכן אַט־דעם געדאנק א ביסל לייכטער און איינפאכער, וועל איך איינטיילן אַט־די גרויסע מחנה פון קרי־טיקער אין דריי קאטעגאָריעס. די ערשטע קאטעגאָריע פון קריטיקער באשטייט פון אמת׳ע, פאסיגע און פייאיגע פאך־מענער. אַט־די קריטיקער זיינען נויטיג, ווילקאָמען און נוצ־באר און דארפן פון אלעמען געשעצט ווערן. די צווייטע קא־טעגאָריע פון קריטיקער זיינען די מענטשן, וועלכע דענקען אז זיי ווייסן אלעס. אַט־דעם טיפ מענטשן וויל איך אויפקלערן מיט דער פאָלגנדיגער דערציילונג:

עס ווערט דערציילט, אז א קעניג האָט איינמאָל אראנ־זשירט אין זיין פאַלאַץ א גרויסע און רייכע אויסשטעלונג פון קונסט־בילדער מכל המינים. די גרעסטע מאלער און קינסט־לער האָבן אריינגעשיקט זייערע קונסטווערק צו דער אויסשטע־לונג. אויפן צווייטן טאָג פון דער אויסשטעלונג האָט דער קע־ניג איינגעלאדן זיין גאנצן פאַלק צו קומען אָנקוקן די רייכע אויסשטעלונג און דערביי האָט ער געלאָזט וויסן, אז יעדער איינער וואָס וועט געבן א ריכטיגע קריטיק אויף וועלכן עס איז בילד, וועט באַקומען א פרייז פון 1,000 דאָלער. צווישן די אלע וואָס זיינען געקומען, איז אויך געווען אן אומוויסנדיגער פויער. ער איז אויך ארומגעגאנגען צו זוכן קריטיק אויף די בילדער. ווען דער פויער איז פארבייגעגאנגען א בילד, וועלכע האָט געמאָלן א דאָרפס־פויער, האָט ער זיך אָפגעשטעלט, און נאָך א לאנגן אָנקוקן, האָט ער אויסגעפונען א חסרון, דאָס די שטריק אויף דעם פויער׳ס פאָסטעלעס (הילצערנע שיך), וועל־כע זיינען געמאָלן אויפן בילד, איז ניט גוט פארבונדן, ווייל א

פויער פארבינדט ניט אזוי די פּאַסטעלעס. זיין קריטיק איז געפונען געוואָרן ריכטיג און ער האָט באַקומען א פּרייז פון 1,000 דאָלער. דערמוטיגט פון דעם דערפאָלג, האָט זיך דער פויער אָפּגעשטעלט ווייטער ביי א בילד, וואו עס איז געווען געמאָלן א רבּ. דער פויער האָט צוגערופן די דזשאָדזשעס און האָט זיי אָנגעוויזן אז דעם רב׳ס באָרד און פּאות און אויך זיין גאַרטל איז ניט ריכטיג געמאָלן. אויף דעם זיינען שוין די דזשאָדזשעס געוואָרן אין כעס און געזאָגט צום פויער: „דו פּראָסטער מוזשיק, מילא ווען דו קריטיקירסט א פויער׳ס פּאַס־טעלעס, ביסטו גערעכט, ווייל וועגן דעם ווייסטו, אָבער ווען דו גייסט קריטיקירן דעם רב׳ס באָרד און פּאות, דאן צייגסטו אז דו ביסט אַן איינפּאַכער, גראָבער, אומוויסנדיגער מוזשיק, ווייל וואָס ווייסטו וועגן מבינות אויף א רב?" און זיי האָבן אים ארויסגעטריבן פון פּאלאַץ. דאָס זעלבע דאַרף מען טאָן צו די לייט וועלכע שטופּן זיך צו זאָגן מיינונגען און קריטיק אין זאכן, וואו זיי האָבן קיין אנונג ניט, אָבער דענקען אז זיי ווייסן.

די דריטע קאַטעגאָריע פון קריטיקער זיינען די מענטשן, וועלכע ווייסן טאַקע אז זיי ווייסן ניט און זיינען ניט פּאסיג צו קריטיקירן, נאָר זיי האָבן די טבע צו זאָגן אלעס פארקערט פון דאָס וואָס א צווייטער זאָגט. אַט־די לייט זיינען גלאַט נידע־ריגע ברואים. איר טרעפט זיי אָפט אין שולן, אין סאָסייעטיס, אין לאָדזשן און ביי יעדן אנדער סאָרט מיטינג. זיי זיצן גע־וויינלאך אין א זייט, אָנגעשפּארט די קאָפּ אויף א האנט און ווען איינער זאָגט יאָ, זאָגן זיי ניין. זיי וועלן שטענדיג קרי־טיקירען יעדערן און אלע מאָל זאָגן משה־קאַפּויר. זיי האָבן א גרינגן לעבן. זיי טוען קיינמאָל ניט אריין קיין האנט אין קאלטע וואסער פאר די אָרגאניזאציעס צו וועלכע זיי באלאנ־גען, זיי דארפן ניט טראכטן, אלעס וואָס זיי טוען איז קריטיקי־רען יענעם. וועגן אַט־די לייט וועל איך אייך דערציילן דעם פאָלגנדיגן משל:

בשעת גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער געשיקט רופן די אַלע חיות און מענטשן זיי אָנזאָגן ווי לאַנג יעדערער פון זיי וועט דאַרפן לעבן. ווען מען האָט אַריינגערופן דעם פערד, האָט אים דער מלאך געזאָגט: דו וועסט לעבן אויף דער וועלט 40 יאָר. ווען דער פערד האָט דאָס דערהערט, האָט ער אָנגעהויבן בעטן ביים מלאך, מען זאָל אים געבן ווינציקער יאָרן, ווייל ער וועט דאַרפן שווער אַרבעטן אויף דער וועלט און עס לוינט זיך אים ניט צו לעבן אַזוי לאַנג. אַלזאָ, דער מלאך האָט איינגעזען די גערעכטיקייט פון פערד'ס טענה און האָט אַראָפּגענומען 10 יאָר פון זיין לעבן. נאָכדעם איז געקומען דער כלב און דער מלאך האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט דאַרפן לעבן 25 יאָר. דער כלב האָט אויך אָנגעהויבן בעטן, מען זאָל פון זיין לעבן אַראָפּנעמען עטלאַכע יאָר, ווייל זיין לעבן וועט אויך זיין זייער אַ שווערס. ער וועט אַ גאַנצע נאַכט דאַרפן היטן דעם בעל־הבית'ס הויז. אַלזאָ, דער מלאך האָט אַראָפּגענומען 5 יאָר פון זיין לעבן. נאָכדעם איז אַריינגעקומען דער אומוויסנדיגער קריטיקער. דער מלאך האָט אים געזאָגט אַז זיין לעבן וועט זיין 60 יאָר. ווען דער קריטיקער האָט דאָס דערהערט, האָט ער אָנגעהויבן בעטן מען זאָל אים פאַרלענגערן זיינע יאָרן, ווייל, האָט ער גע'טענה'ט, איך האָב דאָך אַ גרינגן לעבן, אַר־בעטען און טראַכטן דאַרף איך דאָך ניט, אַלעס וואָס איך דאַרף טאָן אויף דער וועלט, איז זאָגן אַלעס פאַרקערט, וואָס יענער זאָגט און קריטיקירן וואָס יענער טוט, אַלזאָ, איך וויל לעבן לענגער. אויף דעם האָט דער מלאך געענטפערט: „מער קיין מענטשלאַכע יאָרן האָב איך פאַר דיר ניט, אָבער מיר איז געבליבן אַ ביסל יאָרן פון פערדישן און הינטישן לעבן, וועל איך דיר דאָס אוועקגעבן".

אָט דאָס, מיינע פריינט, איז דער מאַטעריאַל פון וועלכן אָט־די טיפּן מענטשן זיינען צונויפגעשטעלט.

אַלזאָ, מיינע ליבע פריינט, איך וויים, אַז אַ סך פון אייך

ליידן פון שלעכטע קריטיק, פון בייזע צינגער, דעריבער איז מיין עצה צו אייך, אז איר זאָלט אונטערזוכן אין וועלכער קאַטעגאָריע יעדער קריטיקער באַלאַנגט. אויב ער באַלאַנגט צו די צוויי לעצטע, וועלכע איך האָב אויסגערעכנט, זאָלט איר זיך גאָרניט נעמען צום האַרצן. איר מעגט מיטן פולן געוויסן איגנאָרירן זיי מיט שפּאָט און פאַראַכטונג. און אויב ער איז דער פּאָסיגער קריטיקער, זייט ניט ברוגז אויף אים, ווייל אזא קריטיקער איז נוצבאַר און נויטיג.

שלום בית

דער נאַטירלאַכער קוואַל פאַר פריינטשאַפט
ווען אַן אייגענער שלאָגט טויט מער ווי
ווי אברהם האָט אויסגעמיטן קריג אין דער פאַמיליע
אַ לעסאָן פון יוספ׳ן
יעדע שנאה־פייער קען אויסגעלאָשן ווערן

ווען גאָט האָט באַשאַפן דעם ערשטן מענטשן אויף דער וועלט, איז דער מענטש געווען דער איינציגער פון זיין מין. קיין אנדערע חברים אויסער די חיות, פויגלען און די שטומע נאַטור, האָט ער ניט געהאַט. ווען גאָט האָט געזען ווי איינזאַם און אָפּגעזונדערט דער מענטש פילט זיך אין דער געזעלשאַפט פון די ווילדע באַשעפענישן, האָט ער געזאָגט אז „לא טוב היות האדם לבדו", עס איז ניט ראַטזאַם און זייער ניט באַקוועם, אז „אדם" זאָל דאַרפן פאַרבלייבן אין איינזאַמקייט דעם גאַנצן לעבן. ער האָט, דעריבער, באַשלאָסן, אז כדי צו מאַכן דעם מענטשנ׳ס לעבן זיסער, אנגענעמער און פריילאַכער, מוז ער שאַפן פאַר אים פריינט אין לעבן. פריינט מיט וועמען ער זאָל זיך קענען טיילן זיין פרייד און ליידן, פריינט אין וועמעם הערצער עס׳ קלאַפּט שטענדיג דער פולס פון ליבע, פריינטשאַפט און טרייהייט. די געטלאַכע חכמה האָט אָבער אויך איינגעזען, אז אזא סאָרט פריינטשאַפט וואַלגערט זיך ניט, אז אמת׳ע פריינטשאַפט קויפט מען ניט, אז אַ פריינטשאַפט וואָס איז טיפער פון די ליפּן, מוז קומען צום מענטשן פון די פערזאָנען, וועלכע זיינען זיין פלייש פון זיין פלייש און בלוט פון זיין בלוט. און דעריבער טאַקע האָט דער באַשעפער געשניטן אַ ריב פון אדמ׳ן, אום בכדי פון דעם צו שאַפן זיין באַגלייטער

אין לעבן, ווייל נאָר דאָן האָט דער באַשעפער געוואוסט, איז אדם פאַרזיכערט מיט אַ אמת׳ן פריינט.

דעם מענטשנ׳ס פאַמיליע, זיין פרוי און קינדער, פאָטער און מוטער, ברידער און שוועסטער און אפילו אזוי ווייט ווי קאָזינס, איז דער נאַטירלאַכער קוואַל פון וואנען אַ מענטש דאַרף זוכן און שעפּן פריינטשאַפט. דער פאַמיליע קרייז דאַרף זיין דער מקום קדוש, וואו עס דאַרף רוען די שכינה פון אחדות און שלום. אַ מענטשנ׳ס פאַמיליע דאַרף זיין ווי איין קערפּער, און ווען עס׳ איז איינעם שלעכט, דאַרפן דאָס אַלע פילן און איי־נער דעם צווייטן דאַרף ליבן און העלפן.

אין אַ הויז וואו עס הערשט פריינטשאַפט און שלום, דאָר־טען הערשט אויך נחת און ברכה. ווען אַ פאַמיליע איז אַרום־גערינגלט מיט דער פעסטונג פון אחדות, איז זי זיכער געגן יעדן שטורם. אין תהלים באַזינגט דער משורר דאָס גליק פון שלום בית מיט די ווערטער: „הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד״, אַך ווי גוט און ווי זיס עס איז ווען ברידער לעבן צוזאַמען אין אחדות. „שלום בית״ איז די שענסטע ברכה וואָס איינער קען זיך ווינטשן. „שלום בית״ איז דער גרעסטער ציל צו וואָס אַ מענטש דאַרף שטרעבן. דאָס׳ איז אַן אינשורענס פּאָליסי פאַר פאַמיליע־גליק, נחת און פרייד, וועלכע מען קאָלעקטעד סיי אויף דער וועלט און, איבער 120 יאָר, אויף יענער וועלט. עס איז, אָן צווייפל, דער ווילן פון גאָט און באַ־שטימונג פון דער נאַטור, אז אמת׳ע פריינטשאַפט זאָל הערשן אין יעדער הויזגעזינט.

אָבער, ליידער און ליידער, געפינען מיר אַ סך אידישע היימען, וואו אַנשטאָט די מלאכים פון שלום, הערשט דאָרט דער שטן פון קריג און שנאה. היימען, וואו דער פייער פון מחלקות האָט אינגאַנצן פאַרברענט יעדער ברעקל ליבע און פריינטשאַפט צווישן מאַן און פרוי, מוטער און קינדער, ברי־דער און שוועסטער. עס מאַכט ניט אויס׳ ווער עס איז גערעכט און ווער עס איז אומגערעכט, אָבער דער פאַקט בלייבט, אז הערצער אין וועמעס קעמערלאַך עס האָט געדאַרפט זיצן ליבע

און גוטסקייט, טראָגן גאָר שנאה און האס צו די פון זייער אייגן פלייש און בלוט. מחלקות צווישן פרעמדע איז זייער שלעכט, אָבער מחלקות אין דער אייגענער משפחה איז א גרויסע טראגעדיע.

דער פאַקט ווערט זייער שיין אילוסטרירט פון דעם פאָל־גענדיגען משל: די בוימער פון וואלד האָבן אמאָל געפרעגט דעם טשוואָק: זאָג נאָר, טשוואָק! ווי קומט דאָס׳ ווען די האַק קלאפט דיר, מאכסטו אזא גרויסן ליארעם. דו מאכסט גוואלדן, אז מען קען הערן אויף מיילן ווייט און ווען זי האקט אונז, גיבן מיר ניט מער ווי א קליינעם קרעכץ און שרייען ניט אזוי הויך". אויף דעם האָט דער טשוואָק געענטפערט: „איר נאַרישע בוימער, וואָס פארשטייט איר ניט? ווען די האק קלאפט אייך, טוט אייך טאקע ווי, אָבער איר ווייסט כאָטש אז א פרעמדער שלאָגט אייך, אָבער איך, אירער א לייבלאכער ברו־דער,ביידע געבאָרן פון אייזן, ווען זי שלאָגט מיר, אן איי־גענעם ברודער, איז דער ווייטאָג פיל, פיל גרעסער, און דערי־בער שריי איך אזוי".

יעס, מיינע פריינט, עס׳ איז ווירקלאך א גרויסער צער און ווייטאָג, ווען איינער דארף ליידן באליידיגונג און שנאה פון אן אייגענעם מענטשן. יעדער מענטש דארף זיך באמיען מיט אלע מעגלאכקייטן אויסצומיידן שנאה אין דער משפחה.

אונזער פאָטער אברהם האָט אונז געגעבן דעם ערשטן גוטן ביישפּיל ווי אויסצומיידן מחלקות, ווייל ווען מען האָט אים דערציילט אז עס האלט ביי א קריג צווישן אים און זיין פלימעניק לוט, האָט ער גערופן לוט׳ן צו אים און האָט אים געזאָגט: „נעם זיך וואָס דו ווילסט, אָבער זאָל ביי אונז קיין קריג ניט זיין, ווייל „אנשים אחים אנחנו", מיר זיינען דאָך ברידער, דארף דעריבער ביי אונז הערשן שלום".

א צווייטן גוטן לעסאָן ווי איינער קען אויסמיידן א ברודער־קריג, קען מען לערנען אין דער סדרה פון היינטיגער וואָך, וואו עס ווערט דערציילט: ווען דער אלטער יעקב איז

געשטאָרבן און האָט איבערגעלאָזן זיינע קינדער אונטער דער שוץ פון זייער ברודער יוסף, האָבן די ברידער זיך זייער דער־שראָקן. איצט האָבן זיי זיך געטראַכט ביי זיך, וועט יוסף — ווען זיי האָבן פאַרקויפט פאַר א קנעכט, געווים נעמען נקמה אין אונז. געווים וועט ער אונז פייניקן, פּונקט ווי מיר האָבן אים געפייניקט. אָבער ווי איבעראַשט זיינען זיי געוואָרען, ווען יוסף איז צו זיי צוגעקומען און האָט מיט א זיסן שמייכל און אויף א ברידערלאַכן אופן זיי געטרייסט און געבעטען זיי, אז זיי זאָלן קיין מורא ניט האָבן. „האָט ניט קיין מורא", האָט ער צו זיי געזאָגט, „איך וועל אייך, חלילה, קיין שלעכטס ניט טאָן. לאָמיר צוריק ווערן פריינט און אָנהאלטן אונזער שלום". מיט דעם האָט דער גרויסער יוסף געוואָלט צייגן, אז כדי אָנצוהאלטן דעם שלום, מוז מען אמאָל פאַרקוקן אַן עולה.

כדי צו מאכן שלום דאַרף מען א ביסל פאַרגעסן און דאָס איבעריגע פאַרגעבן. קיין קרבן איז נישט צו גרוים אויף דעם מזבח פון פריינטשאַפט. עס איז ניטאָ קיין שנאה, אָדער מחלקות, וואָס קענען ניט אויסגעלאָשן ווערן. אפילו די גרעסטע שונאים קענען נאָך ווערן גוטע פריינט, אויב עס געפינט זיך דער ריכטיגער פאַרמיטלער.

נעמט, צום ביישפּיל, פייער מיט וואַסער. זיי זיינען די גרעסטע שונאים איינער דעם צווייטן, אָבער ווען עס מישט זיך אריין דער טאָפּ צווישן זיי, דאַן העלפט דער פייער דעם וואַסער זיך קאָכן און זיי ווערן גאָר די בעסטע פריינט.

אלזאָ, מיינע פריינט, אויב עס געפינען זיך צווישן אייך אזוינע, וועלכע ליידן פון פאַמיליע־קריג, טאָ נעמט מיין עצה און טוט ווי אונזערע גרויסע לערער אברהם און יוסף האָבן געטאָן: פאַרגיט און פאַרגעסט די עולות, וואָס יענער איז געגן אייך באַגאַנגען און עפנט אייער טיר ברייט אָפן פאַר די מלאכי פון ברכה און שלום.

גאווה און חוצפה

פון וואַנען נעמט זיך גאווה?
גרויסע מענטשן דאַרפֿן זיך ניט באַרימען
חוצפה — דאָס ערגסטע קינד פון גאווה
משה האָט געליטן פון בעלי־גאווה
גאווה — א גרויסע צעשטערונגס־קראַפט

א גרויסער טייל פון די פּסיכאָלאָגן, דאָס הייסט געלערנטע וועלכע באַשעפטיגן זיך מיט דער פאָרשונג פון דער מענטשלאַכער נאַטור, זאָגן אונז, אז די הויפּט טרייב־קראַפט אין דער מענטשלאכער באַנעמונג, איז „גרויסקייט". די שטרעבונג פון יעדן איינעם פון אונז צו זיין גרעסער פון יעדן אַנדערן, איז דער כח, וועלכער באַוועגט אונז צו טאָן פאַרשידענע ריזיקאַלישע און שווערע אַרבעט, כדי צו דערגרייכן א געוואונשענעם ציל. צום ביישפּיל: פאָרד און ראקעפעלער, די צוויי גרעסטע מיליאָנערן אין דער וועלט, וואָלטן שוין לאַנג געקענט אויפגעבן זייערע געשעפטן און האָבן געגוג פאר זיך און זייערע פאַמיליעס צום לעבן אין רייכטום פאר די נעקסטע 100 יאָר, אָבער דער ווילן צו זיין רייכער איינער פון צווייטן, מאכט זיי צו אַרבעטן און אָנגיין אַקטיוו מיט זייערע ריזיגע געשעפטן.

א צווייטן ביישפּיל געפינען מיר אין די צייטונגען פון היינטיגער וואָך, וואו עס ווערט דערציילט, אז איינער א יונגער מאַן איז געלעגן 38 שטונדן אין דער קעלט ביים אריינגאנג פון דעם נייעם לינקאָלן טונעל, כדי ער זאָל קענען זיין דער ערשטער אריבערצופאָרן דעם טונעל. אָט־דער פאַקט איז א כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל פון דעם ווילן פון דעם מענטשן צו זיין דער ערשטער, דער גרעסטער און דער בעסטער פון אַלע

אנדערע.

אָט די שטרעבונג נאָך גרויסקייט איז א נאַטירלאַכע און נאָרמאַלע. דאָס האָט געהאָלפן צו שאַפן גרויסע דאָקטוירים, אינזשענירן, געלערנטע; צו בויען גרויסע פּאַלאַצן און פאַבריקן. אונזערע אייגענע חכמים האָבן אויך דערמוטיגט אָט־די שטרע־בונג אויף דעם געביט פון חכמה, מיט דעם וואָס זיי זאָגן: „קנאת סופרים תרבה חכמה", דער ווילן פון איין חכם אריבער־צושטייגן דעם צווייטן, העלפט אין דער אנטוויקלונג פון וויסנשאַפט אויף דער וועלט.

די מערסטע מענטשן קענען דערגרייכן די שטופּע פון פּראָמינענץ און גרויסקייט אין זייער פאַך, אויב נאָר זיי גיבן דערצו געווג מי און פלייס. דער פאַקט אָבער איז, אז ניט אלע קענען און ווילן זיך געבן די נויטיגע מי, כד זיך צו ציילן צווישן די גרויסע, האָט געבראַכט צווישן מענטשן די מידה פון גאווה.

מענטשן, וועלכע קענען ניט און איבערהויפּט די וואָס ווילן ניט „ווערן" גרויס, געפינען זייער באפרידיגונג מיט דעם וואָס זיי „האַלטן" זיך גרויס. דעריבער געפינען מיר, אז די קלענ־סטע מענטשן זיינען די גרעסטע בעל־גאווה און באַרימער. וואָס פוסטער די פאַס, אלץ מער טומל מאַכט זי ווען זי קייקלט זיך. ניין צענטל פון דעם איבל פון גאווה האָט זיך אריינגעכאַפּט צו די פּויליאַקעס, פּוסטע־קעפּ, עמי־הארצים, עזות־פּנים'ער און גלאַט קליינע מענטשעלאַך מכל המינים. אָט־די אלע — אַנ־שטאָט צו טאָן עפּעס כדי באמת צו ווערן גרויס — באַנוגענען זיך מיט דעם וואָס זיי וועלן זיך האַלטן גרויס. באַרימעריי און גאווה איז א סימן פון קליינלאַכקייט און ניט פון גרויסקייט. ווען איר הערט, דעריבער, ווען איינער באַרימט זיך, אז ער איז א גאָר גרויסער חכם, מעגט איר וויסן, אז ער איז א גאַנץ גרויסער טפש, ווייל אויב ער וואָלט ווירקלאַך געווען א חכם, וואָלטן אַלע דערפון געוואוסט און ער וואָלט פאַרשפּאָרט זיך רימען דערמיט. ווען איר קומט אמאָל אויף א חתונה און איר

באמערקט ווי א פרוי דרייט מיט אירע פינגער אין אלע זייטן, מען זאָל זען אז זי טראָגט א קאָסטבארן דיימאָנד-רינג, זאָלט איר וויסן אז אין דער היים ביי איר הערשט דער דלות גאָר אויף א גרויסן מאסשטאב. און אז נאָך דער חתונה וועט דער רינג גיין צוריק אין פאָן-שאפ, ווייל א ווירקלאָך רייכע פרוי דארף זיך ניט באמיען צו צייגן אז זי איז רייך.

די אמת'ע גרויסע, קלוגע אָדער רייכע מענטשן רימען זיך ניט מיט זייער גרויסקייט, און אין אַ סך פאלן אונטערשעצן זיי זיך, אָנשטאָט צו גרויס האלטן זיך. די פאָלגנדיגע ביישפילן צייגן דאָס: דער רייכער און קלוגער אברהם האָט געזאָגט וועגן זיך „ואנוכי עפר ואפר", איך בין דאָך ניט מער ווי זאמד און אַש. דער גרעסטער פירער פון דער מענטשהייט, אונזער גרוי-סער משה רבינו, וועמען גאָט אליין האָט אויסדערוויילט צו זיין דער פירער ביי אידן, האָט געזאָגט אויף זיך „מי אנוכי", ווער בין איך, איך בין דאָך ניט גרוים גענוג. דוד המלך, דער גרוי-סער העלד און פאָעט, האָט זיך באַקלאָגט „ואנוכי תולעת ולא איש", איך בין דאָך קליין ווי א וואָרעם פון דער ערד. אָט אזוי איז די האַלטונג פון אמת'ע גרויסע מענטשן.

דאָס ערגסטע אָבער פון דעם איבל פון גאוה, איז חוצפה. ווען איינער איז א בעל-גאוה און א בארימער,קען ער באליידיגן יעדן מענטשן אָן אונטערשייד ווי חשוב אָדער געלערנט יענער איז. דער בעל-גאוה האַלט זיך פאַר דעם גרעסטן און בעסטן, און דעריבער דערלויבט ער זיך יעדער פרעכהייט. גאוה און חוצפה זיינען ווי דער סיאם-צווילינג, זיי גייען שטענדיג צו-זאמען.

אָט דער געדאנק, מיינע ליבע פריינט, וועט זייער פאסיג פארענטפערן אַן אומפאַרשטענדלאכן טייל אין דער סדרה פון שמות. אין דער סדרה שמות ווערט דערציילט וועגן די ליידן און דעם פיין, וואָס אונזערע עלטערן האָבן געהאט אויסצו-שטיין פון פרעה'ן און זיינע משרתים. דער איד איז געווען פארקנעכט און פארשקלאפט, זיין לעבן איז געווען הפקר, זיי-

נע קינדער האָט מען געוואָרפֿן אין טייך. פּרעה האָט זיך איינ-פּאַך געבאָדן אין אידיש בלוט. דער אידישער קרעכץ און געשריי האָט ממש געשפּאָלטן הימלען. דאַן קומט דער יונגער משה, וועלכער האָט זיך געהאָדעוועט אין קעניגלאַכע פּאַלאַצן און אין די גרעסטע לוקסוסן, און איז באַרייט אויפצוגעבן דאָס גאַנצע וועלטלאַכע רייכטום, כדי צו נעמען אויף זיך די אויפ-גאַבע צו פאַרלייכטערן דעם מצב פון זיינע ליידנדיגע ברידער. משה גייט איינמאָל אַרויס און זעט ווי צוויי אידן קריגן זיך. דער שטאַרקערער שלאָגט דעם שוואַכערן. און ער ווענדט זיך צו דעם שלעגער מיט דער גערעכטער טענה: „רשע, למה תכה רעך?" — דו שלעכטער מענטש, פאַרוואָס שלאָגסטו דיין אייגענעם ברודער; איז דען ווייניג וואָס די מצרים שלאָגן אים? אָבער דער שלעגער, אַנשטאָט זיך צו אַנטשולדיגן, האָט גע-ענטפערט משה'ן מיט חוצפּה און רשעת: „מי שמך"? — ווער ביסטו דאָס אַזעלכער? און ווער האָט דיר געמאַכט פאַר אַ גאַנצן מאַכער? דערמיט האָט ער פאַראורזאַכט אַז משה זאָל מוזן אַנטלויפן פון מצרים.

עס איז זייער שווער צו פאַרשטיין די חוצפּה און רשעות פון דעם שלעגער. ער האָט דאָך, אָן צווייפל, געוואוסט צו וועמען ער רעדט, היינט ווי קומט דאָס ער זאָל זיך דערלויבן צו ריידן אַזוי חוצפּה'דיג צו משה'ן, איבערהויפּט נאָך ווען דער גורל פון גאַנצן פאָלק איז געשטאַנען אויף דער וואָגשאָל? קיין אַנדערער, אויסער אַ גרויסער בעל-גאוה, וואָלט זיך אַזעלכעס דערלויבט. נאָר איינער וואָס האָט געדענקט, אַז קיין גרע-סערער פאַר אים איז שוין ניטאָ, האָט זיך אַזאַ חוצפּה פאַר-גונען. איין בעל-גאוה'ניק האָט שיעור ניט צעשטערט די גאולה-פּלענער אין יענער צייט. ווען איינער וויל אויספירן זיין גאוה, אַרט אים ניט וועמען און וויפיל ער קען דערמיט טאָן שאָדן. משה רבינו איז אָבער ניט דער איינציגער פירער, וואָס האָט געליטן פון דער גאוה'דיגער חוצפּה פון אַ גראָביאַן. רבנים און אידישע פירער אין יענער צייט האָבן געהאַט אויס-

צושטיין פיל לײדן און הארצווייטאָג פון עזות־פּנים׳ער און בעל־גאוה׳ניקעס. איבערהויפּט דאָ ביי אונז אין אמעריקע, ווען א רב זאָל, חלילה, אָנטרעטן אויף דעם הינער־אויג פון אַן אָלרייטניק׳ס גאוה, איז שוין יענעם רב ניטאָ וואָס צו מקנא זיין.

מיינע חשוב׳ע פריינט, איך האָב פיל, פיל נאָך צו ריידן וועגן דעם ענין, נאָר די צייט דערלויבט ניט. איך וועל ענדיגן מיט דער האָפענונג, אז מיינע ווערטער וועלן קריגן די נויטיגע אויפמערקזאמקייט און אז מאנכע פון אייך וועלן זיך א ביסל ארייטראכטן אין דעם ענין.

דער אמת און דער שקר

דער קאמף צווישן אמת און שקר
די כוחות פון אמת און פון שקר
די דערציילונג אין מדרש
וואָרום דאַרף מען היינט גרויסע רעדנער
דער אמת דאַרף קיינע רעקלאמען

דער אמת און דער שקר זיינען נאַטירלאכע און ביטערע שונאים איינער דעם צווייטן. עס קען קיין רייד ניט זיין וועגן א פשרה צווישן זיי. דער אמת וועט קיינמאָל ניט איינשטימען אויף א שלום, אָן א פולשטענדיגן זיג איבערן שקר. אָט דער קאמף גייט אָן אָן אויפהער צווישן די צוויי געגנער, זינט די וועלט איז באשאפן געוואָרן.

דער שקר איז באוואפנט פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט א גרויסע ארמיי פון געטרייע אָנהענגער. ער האָט א גרויסן איינפלוס ביי די געלט-מענטשן. ער איז א גאנצער בן-בית ביי דיקטאטאָרס, דיפּלאָמאטן, באנקירן, גרויסע לאַיערס, און איז א חשוב׳ער גאסט אפילו אין אונזערע אידישע שולן. ווען דער שקר רעדט ארויס א וואָרט, ווערט דאָס גלייך געדרוקט אין אלע צייטונגען. די ראַדיאָ צעטראָגט זיין שטימע איבער טויזנטער מיילן, ווייל ער קען דערפּאר גוט באצאָלן. וואו ער קומט, באערט מען אים מיט באנקעטן און רעספּשאָנס. מען בוקט זיך ממש צו אים. דעם שקר לעבט זיך דאָ ווי אין גן-עדן.

דער אמת, ווידער, איז שטיל, רואיג און באשיידן. האָט זייער ווינציג נאָכפאָלגער. אלע זוכן אים כלומרשט, אָבער קיינער וויל אים ניט. מען נוצט אים אמאָל, ווען מען דאַרף אים, אָבער נאָכדעם פארגעסט מען אָן אים. ביי די הערשער

איז ער פארהאסט און די שטארקע לאכן זיך אויס פון אים. ער איז אָרים און היימלאָז. ער וואלגערט זיך ביי א ביסל רבנים, עטלאכע חסידים-שטיבלאך און גלאט אין אָרימע היי-זער. ער האָט קיינע ארויסהעלפער, ער שטייט אליין אין קאמף געגן זיין גוט-באוואָפנטן און שטארקן שונא—דעם שקר.

אָט-דער פאַקט מאכט פיל מענטשן צו דענקען, אז דער אמת איז פארלאָרן, אז ער וועט קיינמאָל ניט געווינען אין זיין קאמף געגן שקר. מאנכע מענטשן זאָגן שוין קדיש נאָכן אמת. דער אמת, זאָגן זיי, איז שוין אויס אמת, נאָר א—מת.

אָט-די קדיש-זאָגער נאָך דעם אמת, ווי אויך די פּעסימיס-טען, וועלכע גיבן אויף די האָפענונג פאר א זיג פון דער גע-רעכטיקייט, מאכן א גרויסן טעות. דער אמת איז נאָך ווייט, ווייט ניט קיין באזיגטער. די צוקונפט באלאנגט צו אים. אונ-זערע חכמים האָבן דאָס זייער גוט באמערקט מיט דעם וואָס זיי האָבן געזאָגט: „שקר, אין לו רגלים". פאַלשקייט האָט קיין פיס ניט, ער קען לאנג ניט שטיין. דער פאקט, אז פאַלשקייט איז רייך און שרייענדיג, איז גאָר א סימן פון שוואכקייט און ניט פון שטארקייט. א אמת שיינע כלה דארף ניט האָבן קיין נדן און רייכע קליידער, כדי צו געפעלן ווערן. דער אמת, וועל-כער איז נאטירלאך געטלאך, קען באשטיין זיין שטעטל אָן רייכטום און פּוץ. אלץ וואָס ער דארף טאָן, איז ווארטן און זיין צוקונפט איז פארזיכערט. דער זיג וועט זיין זיינער.

אָט-די אמונה אין כח פון אמת ווערט זייער דייטלאך אויסגעדריקט אין דער פאַלגנדיגער אלעגאָרישער דערציילונג אין מדרש. עס ווערט דערציילט אין מדרש, אז איידער גאָט האָט באשאפן דעם מענטשן, האָט ער צוזאמענגערופן אלע מלאכים און געפרעגט זייער מיינונג, צי זאָל ער באשאפן דעם מענטשן, אָדער ניט. אָט-די פראגע האָט צעטיילט די מלאכים אין צוויי גלייכע גרופּן: יע-זאָגער און ניין-זאָגער. א טייל האָבן געענטפערט אז יע, און א צווייטער טייל האָט געזאָגט ניין. צווישן די ניין-זאָגער האָבן זיך געפונען דער מלאך פון

שלום און דער מלאך פון אמת. די צווי האָבן גע׳טענה׳ט, אז אויב דער מענטש וועט באשאפן ווערן, וועט דער שלום און אמת שטארק ליידן דערפון, ווייל דער מענטש איז בטבע א גרויסער בעל־מחלוקת און א ליגנער. אָט־די מיינונג־פאר־שידנהייט צווישן די מלאכים האָט, ווייזט אויס, געבראכט דעם אויבערשטן אין אַ פארלעגנהייט, ווייל די שטימען זיינען געווען צעטיילט גלייך אויף גלייך און קיין צד האָט ניט געהאט קיין מערהייט. וואָס־זשע האָט גאָט געטאָן? זאָגט דער מדרש, ער האָט אראָפּגעוואָרפן דעם אמת אויף דער ערד און אין זיין אָפּוועזנהייט איז שוין ביי דער צווייטער אָפּשטימונג געווען א מערהייט פאר יאָ און דורכדעם איז אָנגענומען גע־וואָרען דער באשלוס, אז דער מענטש זאָל באשאפן ווערן. אָט־די דערציילונג שפּיגלט אָפּ דעם גלויבן פון אונזערע חכמים אין דעם כח פון אמת. ווייל דער פאקט אז מען האָט אראָפּ־געוואָרפן דעם אמת און ניט דעם שלום, וועלכער איז אויך גע־ווען געגנעריש, צייגט א גלויבן, אז אויב דער אמת וואָלט פארבליבן, וואָלט ער געזיגט געגן די יאָ־זאָגער, ווען אפילו ער וואָלט געווען אין א מינדערהייט. אונזערע חכמים האָבן גע־גלויבט, אז ווען איינער איז מיט אמת, מוז ער צום סוף זיגן, אָן אונטערשייד ווער און וויפיל זיינע געגנער זיינען.

דעם אמת דארף מען ניט באהאלטן. אָט דער געדאַנק וועט אונז העלפן אויך צו פארענטפערן א שווערע פראגע אין דער סדרה וארא. עס ווערט דאָרט געזאָגט, אז גאָט האָט גע־שיקט משה׳ן ער זאָל גיין צו פרעה׳ן און רעדן צו אים, אז ער זאָל באפרייען דאָס אידישע פאָלק. אויף דעם האָט משה גע־ענטפערט: רבש״ע, ווי קען איך גיין באאיינפלוסן פרעה׳ן, „ואנוכי ערל שפתים״, איך בין דאָך ניט קיין רעדנער. דאן האָט גאָט ווייטער געזאָגט צו משה׳ן: „ראה נתתיך אלהים לפרעה״, זיי ניט באזאָרגט, משה, איך אפּוינטע דיר פאר מיי־נעם א נביא, דו וועסט א געטלאכער מענטש. דער לעצטער ענטפער פון אויבערשטן איז ניט פארשטענדלאך. אויב אז

פרעה האָט זיך אנטזאגט צו פאָלגן גאָט אליין, היינט ווי וועט ער זיך צוהערן צו זיינעם א נביא? אָבער איצט קענען מיר דאָס יאָ פארשטיין. מיט דעם וואָס גאָט האָט געמאכט משה׳ן פאַר אַ נביא, האָט ער געמיינט מיט דעם צו זאָגן, אז ווי באלד משה ווערט א נביא און גייט רעדן דעם אמת, דאַן דארף ער ניט זיין קיין גוטער רעדנער. משה, דו דארפסט קיין רעדנער־טאַלאַנט, כדי צו זאָגן דעם אמת, איז געווען דער ענטפער פון גאָט. א גוטן רעדנער דארף מען האָבן נאָר צו באהאלטן דעם אמת, אָבער ניט אויף צו זאָגן אים.

אָט דער פאקט דערקלערט אייך פארוואָס עס איז היינט אזא זוכעניש נאָך שיינע רעדנער. אמאָל, ווען א שטאָט האָט געדארפט א רב, האָט מען נאָכגעפרעגט אויף זיין סמיכה, מי־דות, לומדות, ערלאכקייט און דאָס גלייכן, אָבער היינט קוקט מען נאָר אויף איין זאך, צי איז ער א שיינער רעדנער. ווייסט איר פארוואָס דאָס איז אזוי? ווייל אמאָל האָט מען געוואָלט הערן פון א רב דעם אמת, האָט דעריבער ניט אויסגעמאכט ווי ער האָט גערעדט, ווייל דער אמת בלייבט אמת, אָן אונ־טערשייד ווי מען זאָגט אים. אָבער היינט ווילן די שולן ניט ליידן ווען א רב זאָגט, חלילה, דעם אמת. זיי ווילן ער זאָל אים באהאלטן, און אויף דעם דארף מען ווירקלאך זיין א גו־טער רעדנער, א קינסטלער. די גערעכטיקייט דארף קיין רע־קלאמעס און פוץ. אלזאָ, מיינע פריינט, אויב עס געפינען זיך צווישן אייך מאנכע, וועלכע פארמאָגן נאָך א ביסל סטאָק פון דער פירמע „אמת", האלט דאָס אָן, ווייל דער קורס פון אמת מוז פריער אָדער שפּעטער שטייגן. עס איז א ראיעלע ביסל וואַרע, גאַראַנטירט פון דעם אויבערשטן אליין.

דעם מענטשנ'ס לעבן פון זעכציג ביז אַכציג

די וואָג און די מאָס
די מאָס פון זעלבסט־אָפּשאַצונג אמאָל
דער שפּיגל — די הויפּט־מאָס אין איצטיגער צייט
ווען די שפּיגל־פּעריאָדע ענדיגט זיך
די אמת'ע מאָס פאר עלטערע מענטשן

די מאָס, די וואָג און דער אויסזען זיינען די מיטלען וועלכע העלפן אונז שאפן א באַגריף וועגן דער ווערדע פון יעדער זאַך. צום ביישפּיל, ווען מען דערציילט אונז, אז א הויז איז 100 פוס די ברייט, 120 פוס די לענג, איז צוויי פלאָר הויך און זעט אויס גוט, קענען מיר זיך שאפן א געוויסן באַגריף וועגן יענער הויז.

עס איז אָבער אויך אמת, אז די ווערדע פון א זאַך דיקטירט וואָס פאר א מאָס מען זאָל צו איר אָנווענדן. א דיימאָנד, למשל, קען מען ניט מעסטן מיט א יארד און א מענטשן קען מען ניט וועגן מיט א טאָן. יעדער זאַך איז טאַקע אונטערוואָרפן וואָג און מאָס, אָבער גלייכצייטיג פאָדערט יעדער געגנשטאַנד די וואָג און מאָס, וועלכע פּאַסט זיך צו אים אָפּצומעסטן.

אמאָליגע צייטן, ווען א מענטש האָט געוואָלט וויסן זיין אייגענע ווערדע, וואָס ער איז, און ווי ער זעט אויס, האָבן אונזערע חכמים אים געגעבן א מאָס, דורך וועלכער ער האָט זיך געקאָנט פּינקטלאַך אָפּמעסטן. די מאָס האָט געהייסן: „הסתכל בשלשה דברים", קוק זיך איין אויף דריי זאַכן. ערשטענס, פון וואַנען דו קומסט; צווייטנס, וואוהין אם ענדע דו דאַרפסט גיין; און דריטנס, פאַר וועמען, איבער הונדערט און

צוואַנציק יאָר, דו וועסט דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון. ווען דו וועסט אָנמעסטן די מאָס, וועסטו אויסגעפינען ווער דו ביסט, האָבן אונז די חכמים געראָטן. א צווייטע מאָס האָט מען פאַר אונז פאַרצייכנט מיט דעם נאָמען „כי האדם עץ השדה", דער מענטש איז געגליכן צו דעם בוים אין פעלד. אין פרילינג פון זיין לעבן, ווען ער איז נאָך א קינד, בליט ער; אין זיין זו־מער פעריאָדע, ווען ער איז א יונגערמאַן, וואַקסט ער; אין האַרבסט, אָבער, ווען ער איז שוין אַלט, צעפאַלט ער און אום ווינטער ווערט ער אינגאַנצן פאַרפרוירן. אָט־די זיינען די מאָ־סען, וועלכע די אַמאָליגע האָבן פאַרברייטערט פאַר דער מענטש־הייט זיך צו מעסטן און אויסגעפינען יעדנס אמת'ן פּרצוף.

היינטיגע צייטן, אָבער, האָט די וועלט דערפונדן א נייע מאָס פאַר דעם מענטשן, און דאָס איז דער „שפּיגל". מען גיט א קוק אין שפּיגל און אויב דער „שפּיגל" זאָגט: „דו ביסט אַל־רייט", איז מען צופרידן. איז טאַקע דעריבער היינט אַן אמת'ע עפּידעמיע פון שפּיגלען. וואו איר גייט און וואו איר שטייט, געפינט איר שפּיגלען. אין יעדן צימער פון הויז האַלט מען שפּיגלען, אין גאַס שפּיגלען, אפילו אין די פּאַקעטבוקס טראָגט מען שפּיגלען. און היינט, ווידער, שפּיגלט מען זיך! ביים אַריינגיין און אַרויסגיין פון סאָבוויי שפּיגלט מען זיך, ווען מ'לייגט זיך און ווען מ'שטייט אויף, שפּיגלט מען זיך, און ווען איינער האָט גלאַט ניט וואָס צו טאָן, שפּיגלט ער זיך. דער שפּיגל איז געוואָרן דער איינציגער מבין און עדות איבער אונ־זער זעלבסט־אָפּשאַצונג.

האָט אָבער דער שפּיגל איין חסרון, ער זאָגט דעם אמת. ווען איינער איז בלאַס אָן א טראָפּן בלוט אין זיין געזיכט, וועט דאָס דער שפּיגל ניט באַהאַלטן. ווען די נאַטור האָט, נעבאַך, איינגעטיילט א פּרווי מיט בלויע ליפּן, וועט דאָס דער שפּיגל ניט לייקענען. איז געקומען דער דראָג־סטאָר און האָט גוט געמאַכט דעם חסרון. דער דראָג־סטאָר האָט זיך אַוועקגע־שטעלט אויף יעדן קאָרנער מיט פולע פּאָליצעס מיט פאַרב מכל

המינים, כדי ארויסצוהעלפן דעם שפיגל. אָט־די שותפות פון דראָג־סטאָר מיט דעם שפיגל איז א דערפאָלגרייכע. זיי מאכן ביידע אוים, אָן עין־הרע, ניט שלעכט.

עס קומט אָבער א צייט אין מענטשנ׳ס לעבן, ווען סיי דער דראָג־סטאָר און סיי דער שפיגל זיינען הילפסלאָז. דאָס איז די צייט, ווען א מענטש הויבט אָן אריינצופאָרן אין די זעכציגער און ווען גאַנץ טיפע קנייטשן באדעקן שוין זיין געזיכט. דאָס קען שוין ניט דער דראָג־סטאָר און ניט דער שפיגל באהאלטן, ווייל א קנייטש בלייבט א קנייטש, אָן אונטערשייד אין וועלכן קאָליר איר פארבט אים. איך קען זיך פאָרשטעלן די שרעק און טומאַן, וואָס באהערשן דעם מענטשנ׳ס געדאנק, ווען ער דערזעט די ערשטע קנייטשן אויף זיין געזיכט. דער זעלבער שפיגל, וועלכער האָט פאר יאָרן לאנג אים גע׳חנפ׳עט און געדרייצט זיין גאוה, איז פלוצלונג געוואָרן ברוטאל און צייגט אים נאָר דעם זון־אונטערגאנג פון זיין לעבן. אָט־די געזיכט ענדערונג ברענגט א סך פון אונז צו רעזיגנאציע און פארצווייפלונג. א טייל פון אונז באשליסן, אז מיר זיינען שוין אלט און אויסגעשפילט און שטייגן אראָפּ פון דעם וואָגן פון לעבן און גייען דעם לעצטן מייל צופוס׳ מרה־שחורה׳דיג און פארביטערט. דער מצב איז ווירקלאך טראגיש. עס איז אָבער קיינעמס שולד ניט, נאָר דעם מענטשנס אליין. די מענטשן אין עלטער פון 60 ביז 80 מאכן דעם שפיגל אלס דעם מאָסשטאב פון זייער ווערדע. זיי פארגעסן, אז זיי זיינען שוין די שפיגל־פעריאָדע אריבער.

די עלטערע יאָרן זיינען אין דער ווירקלאכקייט די פרוכטבארסטע און רייפסטע יאָרן אין מענטשנ׳ס לעבן. די תורה האָט דאָס אונטערגעשטראָכן מיט דעם, וואָס זי האָט אונז פארזאָגט מפני „שיבה תקום״, אז ווען אן עלטערער מענטש גייט פארביי, דאַרף מען זיך פאר אים אויפשטעלן. דער אויסדרוק פון דרך־ארץ פאר אן עלטערן מענטשן איז ניט אוים סימפאטיע, אָדער רחמנות, נאָר אן אויסדרוק פון טיפן רעס־

פעקט פאר געזעצטקייט, דערפאַרונג און פירערשאַפט. „בישי־שים חכמה וארך ימים תבונה", עלטערע מענטשן זיינען, אָן צווייפל, קליגער און רייפער פון די יונגערע. די גאַר הויכע פּאָסטנס אין א רעגירונג פאַרנעמען זייער זעלטן מענטשן אינ־גער פון זעכציג. דער אמעריקאַנער העכסטער געריכט פון לאַנד איז באַזעצט אויסשליסלאַך פון מענטשן צווישן 60 און 80. אין אונזער פאַרגאַנגענער אידישער געשיכטע איז קיין וויכטיגע זאַך ניט געטאָן געוואָרן, אָן דער באַראַטונג מיט די זקני ישראל, מיט די עלטערע מענטשן. איצט, אין דער שפּי־געל־עפּאָכע, האָט דער וועלט זיך פאַרוואָלט די פירערשאַפט פון עטלאַכע יונגעלייט, און דייטשלאַנד, איטאַליע און רוסלאַנד האָבן געצייגט דעם ביישפּיל, וואו אינגערע מענטשן האָבן איבערגענומען די פירערשאַפט און דער רעזולטאַט איז, אז אָנשטאָט פירער, האָבן יענע לענדער פאַרפירער. אָנשטאָט בויען, ברענגען זיי צעשטערונג און אָנשטאָט גליק ברענגען זיי אומגליק. חכמה, פירערשאַפט און געזעצטקייט דאַרף זיין די מאָס, מיט וועלכער עלטערע מענטשן דאַרפן זיך מעסטן. דער פּנים שפּיגל גייט ניט טיפער ווי די הויט, אָבער דער נשמה־שפּיגל נעמט דורך דעם גאַנצן מענטשן. דער עלטערער מענטש, ווען ער שפּיגלט זיך אין דעם נשמה־שפּיגל און מעסט זיך מיט דער מאָס פון חכמה, מעג זיך דאַן פילן שטאָלץ און אָנהאַלטן זיין פירערשאַפט אָן אונטערשייד וואו דאָס איז, צי אין דער היים, אין שול, אָדער אין אַלגעמיין אין דער געזעל־שאַפט.

איבערהויפּט אונזערע אידישע עלטערע מענער און פרויען צייגן א גרויסע געפאַלנקייט ביי זיך. זיי איבן אויס זייער א קליינעם איינפלוס סיי ביי זיך אין דער היים צווישן זייערע אמעריקאַנער געבאָרענע קינדער, און סיי אין די אידישע גע־זעלשאַפטלאַכע אונטערנעמונגען. צו זיי ווענד איך זיך מיט מיין היינטיגן ריידן: זייט ניט געפאַלן, ליבע זיידעס און באָ־בעס, אויב די אינגערע ווייסן בעסער ווי צו ריידן, ווייסט איר

אָבער בעסער וואָס צו ריידן. די יונגע האָבן נאָך א סך זיך פון אייך צו לערנען. טרעט ניט אָפּ פון אייערע פּאָזיציעס, איר זענט דער קאָפּ פון דער מענטשהייט, האַלט זיך גלייך, ווירדיג און מיט שטאָלץ, און אגב אורחא, וויל איך אייך ווינטשן א געזונטן עלטער און אריכת ימים.

דער מיטל געגן אַנטוישונג

די ווירקונג פון ערנסטער אנטוישונג
ווי קומט גייסטלאכע קראנקהייט?
אמונה — א מיטל געגן אנטוישונג
די געשיכטע וועגן ר׳ מאיר׳ס ווייב
מען דארף באשיצן די קינדער דורך אמונה

„אַנטוישונג”, אָדער ווי עס איז בעסער באקאנט אין ענג־ליש, „דיסאַפּוינטמענט”, איז אַ וואָרט, וואָס איז אַלעמען גוט באקאנט. ווען איר דערוואַרט א גאַסט און ער קומט ניט, אָדער ווען איר האָפט, אַז אין א געוויסן טאָג זאָל זיין שיין אינדרויסן און עס רעגנט גאָר, דאָס איז אַן אנטוישונג. אַזעל־כע אנטוישונגען גייט יעדערער פון אונז דורך כמעט טעג־לאַך. זיי פאראורזאכן אונז א ביסל אומאנגענעמלאכקייט פאר א קורצער ווייַלע און נאָכדעם פארגעסן מיר אָן זיי.

עס זיינען, אָבער, דאָ אנטוישונגען, וועלכע זיינען ניט אַזוי איבערפלעכלאַך. אנטוישונגען, וועלכע רירן אָן דעם גאַנצן וועזן פון א מענטשנס לעבן. צום ביישפּיל, ווען איי־נער איז אנטוישט אין זיין הייראט, אין זיין קאַריערע, אין זיין אמביציע, אָדער פּערזענלאכן גליק; דער פּערזאָן קען ניט אַזוי לייכט פאַרגעסן די דערפאַרונג פון זיין אנטוישונג. דאָס הענגט איבער זיין געדאַנק ווי א כמארע און עס עגבערט זיין מח טאָג ווי נאכט. עס פאראורזאכט אים שלאָפלאָזיקייט און גרוים צער. אַזאַ סאָרט אנטוישונג וויקלט איין דעם מענטשן אין א טיפער מרה־שחורה און טרייבט אים ממש צו משוגעת.

אויב איר ווילט וויסן דעם חורבן און צעשטערונג, וואָס אַן ערנסטע אנטוישונג לאָזט איבער נאָך זיך אין מענטשנס גייסט, דאַן שטאַט־אַפּ א באזוך אין איינע פון די פיל האָס־

פיטאלס פאר גייסטיג-קראנקע. דער הויפט-דאָקטאָר וועט אייך אָנצייגן צענדליגער און צענדליגער אומגליקלאכע קר-בנות פון אנטוישונג און פארצווייפלונג. ווען איר זעט דאָרט די גרויסע מחנה פון אומבאוועגלאכע, לעבנסלאָזע באשעפע-נישען, דערמאָנט דאָס אייך וועגן דער שטילקייט פון נאָך אַ שטורם. אַט-די פאציענטן, וועלכע זיינען געווען אמאָל נאָרמאַל און פול מיט לעבן, האָבן דורכגעמאכט דעם שטורם פון אנטוישונג און קאָנפליקט און זיינען באזיגט געוואָרן. ביי אונז אין לאנד ציילן זיי זיך אין די הונדערטער טויזנטער, פון וועלכע נאָר אַ טייל איז אין די האָספיטאלם, און די אי-בעריגע געפינען זיך אויף דער פריי.

אויסער די עקסטרעמע פאלן, קען מען אויך צורעכענען צום חשבון פון אנטוישונג, מיליאָנען וועמען מיר באצייכע-נען אלס נערוועזע. דאָס זיינען מענטשן, וועלכע ליידן פון נערוון-איבערעגונג און וועמען די קלענסטע אומאנגענעמלאכ-קייט רעגט אויף און מאכט זיי זיך פילן שלעכט.

איצט פרעגט זיך: וואָס איז דער מיטל צו פארמיידן אזעלכע שווערע רעזולטאטן?

ווי קען איינער בייקומען די שלעכטע ווירקונג פון אנטוי-שונג? דעם ענטפער אויף דער פראגע קען מען אויסדריקן מיט איין וואָרט: „אמונה". אַט-דאָס איינציג וואָרט, איז דער ענטפער צו אונזער וויכטיגער פראָבלעם. אַן ערנסטער גלויבן אין גאָט, איז אַ פארזיכערונג געגן יעדער בייזער וויר-קונג פון אנטוישונג, פארצווייפלונג און אנדערע גייסטיגע קאָנפליקטן.

כדי צו דערקלערן, ווי אזוי אמונה קען העלפן צו פאר-מיידן פונקציאָנירנדיגע גייסט-קראנקהייטן, וויל איך זיך באנוצן מיט דעם פאָלגנדיגן פארגלייך: אַ פליסיג וואסער אין אַ טייך שטעלט זיך קיינמאָל ניט אָפּ. עס האלט אין איין גיין. ווען איר וועט, אָבער, אוועקשטעלן אַ וואנט אין וועג פון דעם וואסער, וועט געשען איינס פון די צוויי זאכן: אָדער דאָס וואסער וועט דורכברעכן די וואנט און אויב ניט, מוז

עס זיך פארקירעווען אן א זייט, כדי אויסצומיידן די שטערונג. דאָס זעלבע איז מיט דעם מענטשנ'ס געדאנק. דער געדאנק ארבעט אָן אויפהער און האלט אָן א נאָרמאלן קורס. ווען עס קומט, אָבער, אָן אן ערנסטע אנטוישונג, איז דאָס אזוי ווי א וואנט, עס האלט אָפּ דעם נאטירלאכן און נאָרמאלן פלוס פון אונזער געדאנק.

ווען דאָס געשעט, דאן מוז פאָרקומען איינס פון די צוויי: אָדער דעם מענטשנ'ס מח איז שטארק גענוג און קען בייקומען די וואנט, און אויב נים, מוז זיך דער געדאנק פאר־קירעווען. א געדאנק, וועלכער איז פארקירעוועט, הייסט א קראנקער געדאנק. ביי מאנכע מענטשן דריקט זיך דאָס אוים אין דעם, וואָס זיי חלומ'ען בייטאָג, דאָס הייסט אין ענגליש: „דעי־דרימינג". זיי גייען ארום גאנצע טעג און פאנטאזירן וועגן אלץ אין דער וועלט. ביי מאנכע, ווידער, גייט זייער געדאנק צוריקוועגס: זיי קערן זיך אום צו זייער קינדהייט און פירן זיך אויף ממש ווי קינדער. אזא סאָרט צושטאַנד הייסט אין ענגליש: „ריגרעשאָן". דאָס זיינען נאָר אייניגע פון די וועגן פון פארקירוואונג, וואָס דער גע־דאַנק איז געצייגט דורכצומאכן אין פאַל פון אן אנטוישונג.

דער ווירקזאמסטער מיטל מיט וועלכן איינער קען אָפּ־שטויסען די מעלאנכאָליע פון אנטוישונג, איז אמונה. ווען א מענטש באזיצט דעם כח פון אמונה, ווען ער קען זאָגן: גם זו־לטובה, אז דאָס אלעס וואָס ער מאכט דורך, הארף אזוי זיין, ווען איינער קען זאָגן, אז „כל מאי דעביד רחמנא לטב עביד", אז אלעס וואָס געשעט מיט אונז איז דורך דעם ווילן פון גאָט, און אז מיר דארפן אלעס אָנעמען פאר ליב, דער פערזאָן קען לייכט בייקומען די גרעסטע און שטארקסטע וואנט, וואָס שטעלט זיך אין וועג פון זיין נאָרמאלן לעבן.

אלם א גוטן ביישפיל וועגן דעם כח פון אמונה אין אזעל־כע פאַלן, קען דינען די פאָלגנדיגע דערציילונג אין תלמוד: אין דער גמרא ווערט דערציילט, אז די צוויי זין פון גרויסן תנא ר' מאיר זיינען געשטאָרבן אין טאָג פון שבת, האָט

ברוריה, מאיר׳ס ווייב, אָבער, ניט געוואָלט פאַרשטערן דעם שבת און זי האָט, דעריבער, אריבערגעטראָגן די צוויי טויטע קערפּערס פון אירע קינדער אין א באזונדערן צימער, און האָט איר מאן ווען דעם א גאנצן טאָג גאָרניט געזאָגט. ווען עס איז געקומען ביינאַכט, נאָך הבדלה, האָט זי זיך געווענדט צו איר מאן מיט דער פאָלגנדיגער שאלה: „זאָג מיר, מיין מאן, איינער האָט ביי מיר איבערגעלאָזן צו באהאלטן א טייערן רינג, איצט איז דער מאן געקומען און וויל אז איך זאָל דאָס אים אָפּגעבן צוריק; זאָל איך אים דאָס אָפּגעבן אָדער ניט?״. „געוויס דארפסטו דאָס אים אומקערן״, האָט ר׳ מאיר געענטפערט. דאָן האָט זי אים אריינגעפירט אין חדר, וואו די צוויי קערפּערלאך פון די קינדער זיינען געלעגן, און האָט צו אים געזאָגט: „איצט, מיין מאן, מוזסטו אויספירן דיין פסק-דין. אונזערע קינדער זיינען די טייערע רינגען, וואָס גאָט האָט אונז געגעבן, אָבער איצט פארלאנגט ער זיי צוריק און מיר מוזן דאָס אָפּגעבן״. אָט-די האנדלונג פון א מוטער אין אזא טראגישן מאָמענט, איז נאָר מעגלאך געווען, ווייל די פרוי איז געווען געפּאנצערט מיט דעם כח פון אמונה. אזא טראגעדיע וואָלט פארקריפּלט דאָס לעבן און דעם מח פון פיל מאמעס, אָבער ר׳ מאיר׳ס פרוי האָט בייגעקומען די אלע שמערצן מיטן כח פון אמונה.

נאטירלאך, איז אמונה אן ארטיקל, וואָס מען קען ניט קויפן. דער וואָס האָט דאָס פארלוירן, קען דאָס זעלטן קריגן צוריק. מיין הויפּט-צוועק, אָבער, איז אויפמערקזאם צו מאכן אידישע עלטערן, אז אויב זיי פארפעלן איינצופלאנצן אמונה אין די הערצער פון זייערע קינדער, בארויבן זיי זייערע קינדער פון דעם בעסטן פּאנצער געגן גייסטיגער אומאָרדענונג.

ליבע עלטערן, פלאנצט איין אמונה אין די הערצער פון אייערע קינדער און פארזיכערט דערמיט זייער געזונט אין דער צוקונפט.

וואָס מיר מעגן זיך לערנען פון די גוים

פליכט-באוואוסטזיין איז נויטיג
„טיעם־וואירק" ביי די גויים
אידישע אינדיווידואליטעט
דער כאָאָס ביי אידן
די געשיכטע מיטן שול־פרעזידענט
משה האָט געלערנט אָרדענונג פון יתרו׳ן

אונזערע חכמים האָבן אונז געלערנט, אז א חכם הייסט דער, וואָס וויים זיין פלאַץ. דערמיט האָבן זיי אונז געוואָלט זאָגן, אז יעדער מענטש קען זיין אמבעסטן דערפאָלגרייך, ווען ער טרעט ניט אריבער די גרעניצן פון זיין פאַך און טוט זיין פליכט און די ארבעט, צו וועלכער ער איז אמבעסטן צו־געפאסט. ווען, צום ביישפיל, אַן אינזשעניר זאָל גיין היילן קראנקע און א דאָקטאָר זאָל גיין בויען בריקן, קען דערפון קיין גוטס ניט ארויסקומען.

דער בעסטער ביישפיל פאר פליכט-באוואוסטזיניקייט, איז די נאַטור אליין. די זון מישט זיך קיינמאָל ניט אין די געשעפטן פון דער לבנה. ווען די נאַכט קומט אָן, פאר־שווינדט די זון און לאָזט דער לבנה איבערנעמען די הערשאפט. דאָס וואַסער פון ים לויפט צום ברעג מיט גרויס אימפעט, אָבער ווייטער גייט עס ניט, ווייל עס וויל ניט אריבערטרעטן די גרעניצן פון איר ממשלה. דער זומער טרעט אָפּ פאר דעם ווינטער און דער ווינטער טוט דאָס זעלבע, ווען דער פרילינג דארף אָנקומען. אָט די אלע האלטן זיך ביי זייערע פליכטן מיט דער גרעסטער פינקטלאכקייט.

זייער אַ קלוגער ביישפיל, ווי עס זעט אוים א זאך, ווען איינער וויל אריבערטרעטן די גרעניצן פון זיינע פליכטן,

ווערט געבראכט אין דעם תלמוד. דאָרט ווערט דערציילט, אז דער עק פון אַ שלאַנג האָט אמאָל געזאָגט צום קאָפּ: „הער זיך איין, דו קאָפּ, מיר איז שוין מיאוס זיך נאָכשלעפּן נאָך דיר. איך מוז שטענדיג נאָכגיין וואו דו פירסט מיר. לאָמיר מאכן א בייט: איך וועל זיין דער פירער און דו זיי דער נאָכפאָלגער". „גוט", האָט דער קאָפּ געענטפערט מיט א שמייכעל, „דו ווער דער פירער". איר פארשטייט דאָך וואָס פאר א פנים עס האָט געהאט. עס האָט ניט גענומען לאַנג, און דער עק האָט געמוזט צוגעבן, אז דער עק מוז בלייבן עק, און דער קאָפּ דארף צוריק איבערנעמען די פירערשאפט.

אָט דער לעסאָן פון פליכט-באוואוסטזיין און סיסטעם האָבען די גוים איבערגענומען פיל שנעלער פון אונז אידן. צי דאָס איז ארום זייערע קליינע הייזקעס, וועלכע ווערן אויפגעהאלטן מיט זויבערקייט און אָרדענונג, צי דאָס איז אין א גרויסער קאָרפּאָריישאָן, וואו יעדער איינער ווערט געאיבט אין זיינע ספּעציעלע פליכטן, ביי וועלכע ער האלט זיך, צי דאָס איז אין זייער געזעלשאפטלאכן לעבן, וואו איינער מישט זיך ניט אין די פליכטן פון צווייטן, — אומעטום מערקט זיך דער עלעמענט פון פליכט-באוואוסטזיין און אָרדענונג. ביי די גוים איז דער סיסטעם באקאנט אונטערן נאָמען: טיעם-וואָירק", וואָס מיינט, אז יעדער איינער פון דער גרופּע ווייס זיינע פליכטן און איז אונטערוואָרפן דער פירערשאפט פון א קאפּיטאן, פון וועלכן ער טרעט ניט אָפּ און פאָלגט אויס, מיט פּינקטלאכקייט, די פירערשאפט פון זיין עלטסטן. אָט-די מעלה דערקלערט, אין א גרויסער מאָס, דעם דערפאָלג פון די ניט-אידישע אנשטאלטן, וועלכע ווערן כמעט אלע אויסגעהאלטן אין גוטער אָרדענונג און אין רייכטום. איבערהויפּט באמערקט מען דאָס אין דעם אויסזען פון טשוירטשעס, אין פארגלייך, להבדיל, מיט אונזערע שולן.

מיר אידן, כאָטש מיר איבערשטייגן די ניט-אידן אין פיל הינזיכטן, זיינען אָבער פיל הינטערשטעליג אין דעם ענין פון אָרדענונג און פליכט.

דער איד איז בטבע אן אינדיווידואַליסט. ער האָט ניט ליב צו טיילן פליכטן מיט אנדערע. ער האָט ליב צו זיין פאר זיך. יעדער איד דענקט, אז ער ווייס אלעס און טויג זיך אוים צו יעדער זאַך. אַ גוי קען אָפּארבעטן 20 יאָר אויף איין דזשאב און א איד קען האָבן 20 דזשאבס אין איין יאָר. בקצור, דער איד, זעט אוים, הינקט אונטער א ביסל, ווען עס קומט צו אָרדענונג.

אָט-די אידישע כאַראַקטעריסטיק מוט גרוים שאָדן אין אונזערע געזעלשאפטלאכע אונטערנעמונגען. נעמט, צום ביישפיל, שולן. אין דער צייט ווען די צאָל שול-גייער פאר־קלענערט זיך כמעט פון יאָר צו יאָר, אין דער זעלבער צייט, אָבער, בויען זיך מער און מער שולן. איר קענט גאַנץ אָפט פארבייגיין און זען אויף איין בלאק צוויי, אָדער דריי שולן, בשכנות. ווייסט איר פארוואָס דאָס איז אזוי? איינפאַך דערפאר, ווייל איין שול קען ניט האָבן קיין צוויי פרעזידענטן, און יעדער איד דענקט דאָך, אז ער קען זיין א בעסערער פרע־זידענט פון אנדערן, גייט ער און בויט נאָך א שול, כדי ער זאָל האָבן וואו צו זיין פרעזידענט און קענען שעפּן כבוד ווי־פיל נאָר זיין הארץ גלוסט. דאָס זעלבע איז מיט אָרגאניזא־ציעס. מיר האָבן, ברוך השם, ארום זעקס אָרגאניזאציעס, וואָס באקעמפן אנטיסעמיטיזם; דריי אָרגאניזאציעס פון אָר־טאָדאָקסישע רבנים. אפילו אין רעליף-ארבעט זיינען מיר צעטיילט אין פארשידענע קרעמלאך, פון וואנען יעדערער שרייט ארוים, אז זיין ווארע איז די בעסטע.

דאָס ערגסטע איז, אָבער, וואָס אין יעדער אָרגאניזאציע באַזונדער, האַלט זיך יעדער אין זיין גרעניץ. אַ פּרעזי־דענט פון א שול זאָגט א דעה ווי דער רב זאָל פירן זיין רבנות. דער שמש פסק׳נט שאלות, און דער רב מישט זיך אין שמשות. א מלמד הייסט שוין א רב, און דעם ראביי רופט מען שוין דאָקטאָר. אין די שולן שפילט מען אין קאָרטן, און דאווענען דאוונט מען אויף וואָל-סטריט. און איינציגע תלמוד-תורות האָבן א באָרד אָוו עדיוקיישאָן, וועמעס מיטגלידער האָבן ניט

קיין באָרד און ניט קיין עדיוקיישאָן, אָבער ווילן אָנהאלטן זייער דעה אין דער פירונג פון א תלמוד תורה. פרייגעזאָגענע שרייבער שרייבן אין די צייטונגען וועגן דער פרשה פון דער וואָך, און די רבנים ריידן גאָר וועגן טעאטער. אָט־דער מיש־מאַש דערמאָנט מיך אין דער קאָמישער געשיכטע וועגן א גע־וויסען פרעזידענט פון א שול.

עס איז אמאָל פאָרגעקומען א שול־מיטינג, וואו איינער פון די פרומע מיטגלידער האָט פאָרגעבראכט, אז מען זאָל ניט געבן קיין עליה אין שול איינעם א רייכן מיטגליד, ווייל זיין געשעפט איז אָפן יום־כפור, און אז אזא אידן טאָר מען ניט געבן קיין עליה. „ווער זאָגט דאָס אז מען טאָר ניט?", — האָט דער פרעזידענט געפרעגט. „וואָס הייסט ווער זאָגט דאָס? דער שולחן־ערוך זאָגט אזוי". „נעווער מיינד דעם שולחן־ערוך", האָט אויסגעשריגן דער פרעזידענט מיט כעס, „ער איז ביי אונז ניט קיין מעמבער, און האָט ביי אונז קיין שום דעה ניט".

אז אין די הינזיכטן מעגן מיר לערנען פון די ניט־אידן, ציינגט אונז די פרשה יתרו. עס ווערט דאָרט דערציילט, אז ווען יתרו דער גוי איז געקומען אויף א באזוך צו משה'ן און האָט באמערקט, ווי שווער עס קומט אָן משה'ן צו נעמען פערזענלאכע אויפזיכט איבער אלע אידישע אנגעלעגנהייטן, האָט ער אים געראָטן צו שאפן מער אָרדענונג און סיסטעם, און צו באשטימען א סטעף פון קלענערע באאמטע, און יעדער זאָל וויסן זיין פליכט. משה רבינו האָט זיך גאָרניט געשעמט און האָט אָנגענומען די גוטע עצה פון יתרו'ן.

מיינע פריינט, עס איז זייער וויכטיג, אז מיר אידן זאָלן געדענקען דעם לעסאָן. דער וואוילזיין פון אונזערע שולן און אנשטאלטן פאָדערן דאָס. דאָס איז א לעסאָן וואָס יעדער איד מעג לערנען.

פרומקייט און גוטסקייט

די דעבאטע וועגן פרומקייט און גוטסקייט
דער איד וואָס איז פרום און ניט גוט
דער איד וואָס איז גוט, אָבער ניט פרום
די געשיכטע פון פאָטער און קינד
פרומקייט און גוטסקייט מוזן גיין צוזאמען

איינע פון די פּאָפּולערסטע דעבאטן, וואָס שווימט אָפט ארויף אין געשפּרעכן, איז די דעבאטע וועגן פרומקייט און גוטסקייט. מאנכע מענטשן דענקען, אז דאָס הויפּט-געוויכט דארף מען לייגן אויף פרומקייט, און אנדערע ווידער טענה'ן, אז מען דארף בעסער זיין גוט ווי פרום.

אָט-די דעבאטע דערמאָנט מיר אן דער פּאָפּולערער נאַאיווער פראגע, וואָס דערוואקסענע פרעגן אָפט, ווען זיי רעדן צו קינדער: ווען האָסטו בעסער ליב, דעם טאטן אדער דער מאמען? דאָס קינד, ווען מען שטעלט די פראגע, געפינט זיך אַ ווײַלע אין אַ פארלעגנהייט, אָבער צום סוף ענטפערט ער: „איך האָב ביידן ליב". עס איז אמת, אז עס זיינען דאָ קינדער (לו עלינו), וועלכע עקזיסטירן און וואקסן אויף אָן ביידנס הילף, אָבער אין אזעלכע פאלן ווערן די קינדער אָנגערופען מיט דעם טראגישן נאָמען „יתום", א טיטול, וועלכער רופט ארויס מיטלייד און סימפּאַטיע.

אָט-דער נאַטירלאכער קינדערשער ענטפער איז אויך „חל" אויף אונזער פראגע. מען דארף האָבן ביידן. פרומקייט און גוטסקייט מוזן גיין האנט אין האנט. דער מענטש, ווען עס פעלט איינע פון אָט-די צוויי זאכן, איז, נעבאך, א האלבער גייסטיגער יתום.

דער מענטש וואָס דענקט, אז ווען ער היט אָפּ שבת, לייגט

תפילין, און איז אין אלגעמיין פרום, באקומט דורכדעם א זי־כערען ערשטן מאָרטגיידזש אויף גן־עדן, מאכט א גרויסן טעות, ווייל ווען איינער איז פרום, אָבער גלייכצייטיג איז ער פאַלש, ליגנעריש, ניט ערלאך, און פוילט זיך צו טאָן מענטשן אמאָל א טובה, איז עס א סימן, אז זיין פרומקייט איז קיין פרומקייט ניט, ווייל די זעלבע תורה, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אז מען זאָל היטן שבת און לייגן תפילין, האָט אויך אָנגעזאָגט מיט דער זעלבער שטרענגקייט, אז מען טאָר פאלש ניט זיין, און אז מען דאַרף באַהאַנדלען אונזערע מיטמענטשן מיט ערלאכקייט און גוטסקייט. איבערהויפט ווערט דער געדאנק באהויפטעט אין דער פרשה „משפטים", וואו עס ווערן באהאַנדלט פיל פון אונזערע פליכטן וועגן ערלאכע באציאונגען צווישן מענטש און מענטש. דער מדרש באמערקט, אז דעריבער שטייט אָט־די פרשה וועגן מענטשלאכער גערעכטיקייט אזוי נאָענט צו דער פאָריגער פרשה, וועלכע רעדט וועגן פרומקייט, צו ווייזן אונז, אז אזוי ווי די דינים פון פרומקייט קומען פון בארג סיני, אזוי קומען אויך די דינים פון ערלאכקייט פון בארג סיני. זיי זיינען ביידע גלייכע מיוחסים. דער פרומער מענטש, וועמען עס פעלט גוטסקייט, טוט גרויס שאָדן צו זיין רעליגיע, ווייל ווען מענטשן זעען, אז א איד מיט א באָרד, וואָס גייט אין שול און האלט זיך פאר א פרומען, אָבער גלייכצייטיג איז ער א שלעכטער און ניט קיין ערלאכער, זאָגן זיי, אז רעליגיע טויג ניט און אָנטזאגן זיך צו נאָכפאָלגן די גוטע וועגן פון אמונה. אזא סאָרט מענטש שאפט א גרויסן חילול-השם. אזא מענטש האָט קיין רעכט ניט צו א דיפלאָמע פאר פרומקייט.

דאָס זעלבע איז אויך אמת מיט דעם צווייטן צד, דאָס הייסט מיט די, וועלכע טענה'ען, אז מען קען אָנהאלטן גוטס־קייט אָן גאָטהייט. אָט־די מענטשן זאָגן, אז מען קען זיין גוט, אפילו ווען מען איז ניט פרום, אפילו ווען מען גלויבט ניט אין גאָט. זיי באשטעטיגן זייערע טענות דערמיט, וואָס זיי צייגן, אז עס זיינען דאָ פיל מענטשן אין היינטיגער צייט, וועלכע זיי־נען גוט-הארציג און ערלאך, טראָץ דעם וואָס זיי זיינען ניט

קיין גלויביגע. אָט־די טענות וויל איך ענטפערן מיט דער פאַל־גענדיגער געשיכטע: עס ווערט דערציילט, אז א פאָטער מיט אַ זון זיינען אמאָל געגאנגען אין וועג אין א זייער פינסטערער נאכט, און האָבן פאר שטונדן לאנג געבלאָנדזשעט. פלוצלונג איז דאָס קינד אויפגעשפּרונגען פון שמחה און אויסגעשריגן: „טאַטע, זע! עס׳ איז ליכטיג!" ווען דער טאטע האָט דאָס דערזען, האָט ער אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און מיט א טרויערי־גער שטימע געזאָגט: „מיין קינד, דו ביסט גערעכט, עס איז טאַ־קע ליכטיג געוואָרן, אָבער זאָלסט וויסן זיין, אז דאָס ליכט קומט פון א פייער, פון א שרפה. דאָס שטעטל, לעבן וועלכן מיר געפינען זיך, ברענט איצט, און ווי נאָר דאָס פייער וועט אָפּברענען, וועט ווידער פינסטער ווערן". אָט דער ביישפּיל איז זייער פּאסיג פאר אונזער ענין. אין די אור־אלטע צייטן, איידער דער מענטש האָט אנערקענט די הערשאפט פון גאָט, איז די מענטשהייט געווען פּרימיטיוו, ווילד, חיה׳ש, האָט גע־לעבט אין א דיקער פינסטערניש. איז געקומען די גאָטהייט און האָט אויפגעבויט רייכע בנינים פון מידות און עטישער לערע. אירע נביאים האָבן געפּרעדיגט גערעכטיקייט און גוטסקייט. אירע טעמפּלען האָבן געשיקט שטראלן פון ליכט איבער יעדן עק פון דער וועלט. די 10 געבאָט זיינען געווען די פונדאמענטן, אויף וועלכע געזעצגעבונג האָט זיך געבויט און ציוויליזאציע געשאפן. זיי האָבן געלערנט דער מענטש־הייט די וועגן פון ערלאכקייט. די גאָטהייט האָט געבראכט ליכט אויף דער וועלט. איצט קומען מענטשן און טענה׳ען, אז מיר קענען זיין גוט אָן דער גאָטהייט. די מענטשן פארגעסן, אַז דאָס ביסל ליכט פון גוטסקייט און ערלאכקייט, וועלכע עק־זיסטירט נאָך אויף דער וועלט, איז דאָס ליכט פון דער שריפה פון די פּאַלאַצן פון רעליגיע, וועלכע האָבן זיך געבויט פאר טויזנטער יאָרן. אָבער אויב מיר וועלן דערלויבן, אז רעליגיע זאָל אינגאנצן פאַרשווינדן, דאן וועט צוריק ווערן גייסטיג פינ־סטער אויף דער וועלט, און די מענטשהייט וועט צוריק ווערן פּרימיטיוו. דער פאַקט, וואָס אין לענדער, ווי אין רוסלאנד און

דייטשלאַנד, וואו רעליגיע ווערט באַקעמפט און גאָט איז אין גלות, הערשט דאָרט באַרבאַריזם און אכזריות, באַשטעטיגט דעם געדאַנק. דאָרט וואו עס פאַרשווינדט דער ערשטער געבאָט, וועלכער הייסט גלויבן אין גאָט, דאָרט פאַרשווינדן אויך דער לא תגנב און לא תרצח. זעט, מיינע פריינט, ווי די וועלט זעט היינט אויס, ווען פרומקייט איז אָפּגעשוואַכט. אַלע טאָג ברענגען אונז די צייטונגען גרוסן פון רציחות און מאָרדן. דאָס וואָרט שפּילט היינט אַ קליינע ראָליע, און ביי יעדער קלייניגקייט מוזט איר האָבן, אַז אַ גוטער לאָיער זאָל אייך באַוואָרענען געגן גנבה און שווינדל. מיר אידן האָבן קיינמאָל ניט פאַרמאָגט אַזאַ געזינדל פון מערדער און האָלד־אַפּניקעס, ווי מיר פאַרמאָגן דאָס היינט. מיר האָבן אונזער חלק פון קאָהען׳ס און גאָלדשטיינ׳ס ניט נאָר אין דעם טעלעפאָן־בוך, נאָר אויך אין סינג־סינג און אין די דזשיילס. איך וואָלט געקאָנט אָנגיין פאַר אַ לאַנגער צייט מיט בילדער פון לעבן, צו צייגן, ווי עס זעט אויס די וועלט מיט אַן אָפּגעשוואַכטן גלויבן אין גאָט, אָבער די צייט וועט דאָס ניט דערלויבן און איך מוז שליסן מיין היינטיגע רעדע. איך וויל קומען צום אויספיר, אַז גאָט און גוט, גוטסקייט און גאָטהייט, איז איינס און די זעלבע אין יעדן פאַרזוך. צו צעשיידן די צוויי מוז טאָן גרוים שאָדן. עס וועט פאַרקריפּלען דעם וואוילזיין פון דעם יחיד און דער געזעלשאַפט. ווען מען זאָל מיר פרעגן, וואָס איז בעסער צו זיין: גוט אָדער פרום, מוז איך ענטפערן אין די ווערטער פון קינד: איך האָב ליב און דאַרף האָבן ביידן, סיי גוטסקייט און סיי פרומקייט.

די גרויסקייט פון קליינקייטן

די געשיכטע וועגן גאָלד, זילבער און זאַלץ
פארקוקן קליינקייטן פירט צו טראַגעדיע
אָפּהיטן קליינקייט ברענגט גליק
די תורה גיט קליינקייטן גרויס אויפמערקזאַמקייט

עס ווערט דערציילט, אז א פאָטער פון דריי זין, וועלכער איז געווען זייער רייך, האָט אמאָל באַשלאָסן נאָכצופאָרשן, צי זיינע זין, וועלכע וועלן אים ירש'ענען זיין גרויס פארמעגן, האָבן איםווירקלאָך ליב. ער האָט, דעריבער, באַשטימט א געוויסן טאָג, אין וועלכן ער וועט יעדן פון זיי פרעגן, צי זיי ליבן אים. ווען דער טאָג איז געקומען, האָט ער צום ערשטן אריינגערופן צו זיך זיין עלטסטן זון און האָט אים געפרעגט: „מיין ליבער זון, זאָג מיר דעם אמת, ווי האָסטו מיר ליב?" דער זון האָט לאַנג געטראַכט און האָט געענטפערט: „פאָטער, איך האָב דיך ליב ווי מענטשן האָבן ליב דימענטן". נאָכדעם האָט ער אריינגערופן דעם צווייטן זון און האָט איבערגע'חזר'ט די זעלבע פראַגע. דער צווייטער זון האָט געענטפערט: „טאַטע, איך האָב דיך ליב ווי מענטשן האָבן ליב גאָלד". דער פאָטער איז זייער צופרידן געווען מיט די ענטפערס פון די ערשטע צוויי זין, ווייל יעדער פון זיי האָט פארגליכן זיין ליבע צום פאָטער מיט זייער א וויכטיגער זאך. צו לעצט, אָבער, האָט ער אריינגערופן זיין יונגן מוזיניק און האָט אים אויך געפרעגט די זעלבע פראַגע. דער יונגער קינד האָט אים געענטפערט: „טאַטע, איך האָב דיך ליב ווי מענטשן האָבן ליב זאַלץ". ווען דער פאָטער האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן זייער אויפגערעגט און האָט ארויסגעטריבן זיין מוזיניק פון הויז.

יאָרן שפּעטער איז דער פאַרטריבענער זון רייך געוואָרן און האָט זיך משדך געווען מיט אַ טאָכטער פון אַ רייכן סוחר. צו דער חתונה איז אויך געקומען אַלס גאַסט פון שווער דער פאָטער פון חתן, וועלכער האָט נאַטירלאַך ניט געוואוסט, אַז דער חתן איז זיין אייגענער זון. דער זון ווידער, וועלכער האָט גלייך דערקענט זיין פאָטער, האָט פאַראָרדנט אַז מען זאָל זיין פאָטער געבן די בעסטע מאכלים, נאָר מען זאָל די אַלע מאכלים מאַכן אָן זאַלץ. פון אָנפאַנג האָט, נעבאַך, דער פאָטער געמוזט עסן די מאכלים, ווייל ער האָט זיך געשעמט — אָבער צום סוף איז ער געוואָרן אין כעס און האָט אָנגע-הויבן שרייען: „וואָס טויג מיר גוטע שפייז, ווען עס איז אָן זאַלץ. עס האָט דאָך קיין טעם ניט". דאַן איז צוגעקו-מען צו אים דער חתן און האָט אים געזאָגט: „געדענקסט, טאַטע, אַז דו האָסט מיר אַרויסגעטריבן פון הויז, ווען איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך ליב דיך ווי מענטשן ליבן זאַלץ? זעסטו איצט, אַז זאַלץ, וואָס דו האָסט געהאַלטן פאַר אַ קלייניקייט און ניט-וויכטיג, איז אַמאָל ווערט מער ווי גאָלד און זילבער".

אָט-די געשיכטע איז אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל, ווי מאַנכע מענטשן באַציִען זיך צו קלייניקייטן אין לעבן. אין אונזער טעגלאַכן לעבן קומען מיר אין באַרירונג מיט פאַרשיידענע דערפאַרונגען. די מערסטע פון אונזערע דער-פאַרונגען באַצייכענען מיר אַלס קלייניקייטן און שענקען זיי ווייניג אויפמערקזאַמקייט. מיר באַאָבאַכטן נאָר די זאַכן, וועלכע זיינען גרויס, וויכטיג און שרייענדיג און לחלוטין פאַרקוקן מיר די זאַכן, וואָס זיינען איינפאַך און קליין.

אָט-די געוואוינהייט אונזערע איז אַ שוואַכקייט, וועלכע אַ מענטש דאַרף זיך באַמיען צו פאַרמיידן. קלייניקייטן זיינען וויכטיג גענוג, אַז יעדער מענטש זאָל זיי שענקען די פּאַסיגע אויפמערקזאַמקייט. אין פּרק וואָרנט אונז דער גרויסער תנא בן-עזי: „אל תהי בז לכל אדם ואל תהי מפליג לכל דבר", מאַכט ניט אוועק מיטן האַנט אַפילו דעם קלענסטן מענטשן,

און פארנאכלעסיגט ניט אפילו די מינדסטע קלייניקייט, ווייל בן-עזי דערקלערט: יעדער מענטש האָט זיין צייט און יע־דער זאך האָט איר פּלאץ. פּארפעלן אמאָל א קלייניקייט, קען קאליע מאכן גרויסע און וויכטיגע זאכן. צום ביישפּיל: ווען איינער זאָל זיך אָנטאָן מיט א טייערן אָנצוג און א רייכן צילינדער-הוט און דערביי פארפעלן אויך אָנצוטאָן א קראַ־וואט (א טאַי), וואָס איז די ביליגסטע טייל פון אונזער אויס־שטאַט, אָדער פארפעלן אָפּצופּוצן די שיך, פארשטייט איר דאָך, אז טראָץ זיינע שיינע מלבושים, וועט ער אויסזען ווי א פּורים-שפּילער. פארפעלן אמאָל איינעם זאָגן א גוט-מאָרגן, קען ארויסברענגען די גרעסטע שנאה.

די גרעסטע טראגעדיעס קומען אמאָל ארויס פון פאר־קוקען קלייניקייטן. ווען איינער פארקוקט א פארקילונג, וועל־כע איז ניט מער ווי א קלייניקייט אין אונזער געזונט צוש־טאנד, קען דאָס, אָבער, ברענגען צו די ערנסטע קראנקהייטן, לאָ עלינו.

א בן סורר ומורה, דאָס הייסט א האָלד-אפּניק, דער־ציילט אונז די תורה, קומט ארויס פון דעם וואָס עלטערן האָ־בען פריער פארקוקט די קליינע עוולות, וואָס זייערע קינדער זיינען באגאנגען אין די אינגערע יאָרן.

דער תלמוד דערציילט אונז, אז דער „יצר הרע", ווען ער וויל אראָפּפירן א מענטשן פון וועג, פאנגט אָן אָנצורייצן דעם מענטשן, אז ער זאָל טאָן קליינע עוולות, דאָס הייסט ער פאנגט אָן מיט אים מיט קלייניקייטן, ביז ער דערציט אים צו ווערן א ערשט קלאַסיגער אויסוואורף. די גרעסטע טראגעדיע אין אידישן לעבן, דער חורבן „בית המקדש" איז אויך געקומען — לויט דער דערציילונג פון תלמוד — צוליב א קלייניקייט.

און פונקט ווי מיר זעען, אז דאָס פארקוקן פון קלייני־קייטען איז א גרויסער פעלער, אזוי איז ווידער פארקערט, דאָס אָפּהיטן קלייניקייטן, א גרויסע ברכה.

מיט איין קליינעם און קורצן וואָרט, קענט איר זיך שאפן די בעסטע פריינט.

מיט איין פריינטלאכן שמייכל קענט איר ברענגען מער גליק צו א פערזאָן, ווי מיט דער בעסטער און קאָסטבארסטער מוזיק.

אויף איין קליינעם שרייפעלע ליגט אמאָל די גאנצע עק-זיסטענץ פון דער גרעסטער מאשין. פיל, פיל נאָך אזעלכע ביישפילן קענען געבראכט ווערן, צו צייגן די וויכטיקייט פון פאסיגער אויפמערקזאמקייט אויף קלייניקייטן. אונזערע אייגענע חכמים האָבן אונז אין דער הינזיכט אויך געראָטן: „הוה זהיר במצוה קלה כבחמורה", זיי אָפּגעהיט אין קליינע מצוות, פונקט ווי מיט גרויסע מצוות, ווייל א קליינע מצוה קען אמאָל זיין וויכטיגער ווי א גרויסע.

אָט דער געדאנק וועט פאסיג דערקלערן, פארוואָס די תורה, אין וועלכער יעדער אות און וואָרט איז אזוי מיינונגס-פול און וויכטיג, זאָל זיך באשעפטיגן מיט די קלענסטע איינ-צעלהייטן וועגן דעם בויען פון משכן, וואָס ווערט פיל בא-האנדעלט אין די צוויי סדרות: ויקהל פקודי. די תורה פאר-פעלט ניט אָפּצוגעבן פאסיגן פלאץ פאר אזעלכע קלייניקייטן, ווי: פאָרהאנגען, שרייפלאך, רינגען, שוועלן און נאָך און נאָך אזעלכע קלייניקייטן. אָט-די שטעלונג פון אונזער תורה איז א באשטעטיגונג פון דעם, וואָס מיר האָבן געזאָגט, אז קליי-ניקייטן זיינען זייער וויכטיג און אז דער מענטש טאָר זיי ניט פארקוקן. אלזאָ, מיינע ליבע פריינט, פארגעסט ניט, אז מענ-טשען זיינען רייך געוואָרן פון פעני-ביזנעס, און אז גאנצע אינ-דוסטריעס זיינען געבויט געוואָרן פון אָפּפאל, וואָס דער מענטש האָט פאר יאָרן לאנג ארויסגעוואָרפן אלס ניט חשוב גענוג. אָפּהיטן קלייניקייטן ברענגט צו דערפאָלג און ברכה. אויב איר ווילט ווערן גרויס, פאנגט אָן מיט אויפמערקזאמ-קייט אויף קלייניקייטן.

דער גאָט פון גאָלד און דער גאָט פון הימל

די געשיכטע פון עגל הזהב
געגן וועמען האָט משה געקעמפט?
דאָס קאַלב — א סימבאָל פון קאָרנשאַפט
די צוויי־פיסיגע קעלבער
דאָס מיטל געגן דער מידה פון דעם קאַלב

אין דער סדרה כי תשא ווערט דערציילט די באַוואוסטע געשיכטע וועגן דעם עגל־הזהב, דאָס גאָלדענע קאַלב. אין קורצן לייענט זיך די געשיכטע אזוי: ווען משה איז ארויף אויף דעם באַרג סיני צו נעמען די לוחות, האָט ער זיך פאַר־זאַמט דאָרטן א ביסל צו לאַנג. די אידן זיינען געוואָרן אומ־געדולדיג און האָבן באַשלאָסן צו מאַכן א גאָלדן קאַלב און קרוינען זי אלס זייער גאָט, אָנשטאָט דעם גאָט, וועגן וועמען משה האָט צו זיי יאָרן לאַנג געפּרעדיגט. יעדער איד האָט בייגעטראָגן דאָס גאַנצע גאָלד וואָס ער האָט געהאַט און דאָס איבערגעגעבן צו אהרונ׳ען, ער זאָל דערפון מאַכן דעם עגל. ווען דער גאָלדענער גאָט איז פאַרטיג געוואָרן, האָבן אלע אידן זיך פאַר אים געבוקט און געפייערט זיין געבורט מיט טענץ און געזאַנג. אינמיטן דרינען איז משה אַראָפּגעקומען פון באַרג סיני מיט די לוחות, וועלכע ער האָט באַקומען פון הימל. נאַטירלאך, האָט קיינער משה׳ן קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט, ווייל וואָס פאַר א ווערדע קענען האָבן א פּאָר שטיינערנע לוחות פון א הימלשן גאָט, אנטקעגן טענץ און הוליאַנקעס פאַר דעם גאָט פון גאָלד? ווען משה האָט דאָס דערזען, האָט ער גלייך אַראָפּגעוואָרפן די לוחות פון זיינע הענט און האָט פאַראָרדנט, אז מען זאָל די גאָלדענע קאַלב צעשמעטערן אויף שטיקלאך און די אָנהענגער פון קאַלב

זאָל מען גלייך אויס׳הרג׳ענען. צו דעם אויבערפלעכלאכן לעזער פון חומש ענדיגט זיך דערמיט דער עפּיזאָד און די דערציילונג איז געשלאָסן. אָבער אין געדאנק פון דעם מער דענקענדיגן לעזער שטעלט זיך דאָ א גרויסע פראגע. פארוואָס, אייגנטלאך, איז משה אזוי דערצאָרנט געוואָרן, ווען ער האָט דערזען די גאָלדענע קאַלב? האָט דען משה ניט געוואוסט, אז דאָס בוקן זיך פאר גאָלד איז אן אלגעמיינע מענטשלאכע שוואכקייט? אז אין יעדן דור און אין יעדער צייט ווען מענטשן טאנצן ארום דעם גאָט פון גאָלד? זעען מיר דען ניט, אז אפילו היינטיגע צייטן טאנצן מענטשן ארום יעדער זאך, וואָס איז באגילדט? היינטיגע צייטן, ווען א מענטש האָט גאָלד, מעג ער זיין א קאַלב, אָדער אפילו א פּראָסטער דבר־אחר, וועלן מענטשן זיך פאר אים בוקן און מאכן א גאנצן גאָט פון אים. האָט דען משה ניט געוואוסט, אז דורך צע־שמעטערען יענע קאַלב, האָט ער נאָך די פּראָבלעם ניט גע־לייזט און אז טויזנטער קעלבער אין אלע דורות, וואָס טראָגן גאָלד אויף זיך, וועלן ווערן באַרימט און פארגעטערט? היתכן, אז משה האָט דאָס אלעס ניט פארשטאנען?

נאָר הערט, מיינע פריינט, משה רבינו, דער געטלאכער מענטש און מענטשן־קענער האָט דאָס אלעם געווים געוואוסט. ער האָט געוואוסט אז אפילו זיין ברודער, אהרון דער כהן און רב ביי אידן, קען אויך אמאָל פארבלענדט ווערן פון דעם גלאנץ פון גאָלד. משה האָט פארשטאנען, אז דער קאַמף געגן גאָלד וועט ניט געוואונען ווערן דורך דער צעשמעטערונג פון איין קאַלב, און אז ער וועט קיינמאָל ניט קענען באזיגן דעם כח פון גאָלד. משה האָט, דעריבער, געקעמפט ניט אזוי געגן דעם גאָלד, ווי געגן דעם קאַלב. א קאַלב ווערט געשפייזט און אויס־געהאלטן מיט דאָס בעסטע, אָבער קיין נוצן ברענגט זי ניט, ווייל זי גיט נאָך ניט קיין מילך. די האָפענונג אויף א קאַלב איז, אז ווען זי וועט אויפוואקסן, וועלן מענטשן געניסן פון איר מילך. דאָס איז אלץ גערעדט געוואָרן וועגן א לעבעדיגער קאַלב, אָבער א קאַלב פון גאָלד, קען קיינמאָל ניט אויפוואקסן,

זי בלייבט שטענדיג א קלאָב. דאָס הייסט, זי איז רייך, אָבער קיינער האָט פון איר קיין הנאה ניט. אָט געגן דעם האָט משה געקעמפט.

אין דער הינזיכט איז דאָס קאַלב ניט מער ווי א סימבאָל, און משה'ס צאָרנונג איז געווענדט אויך געגן די צוויי-פיסיגע קעלבער. ער האָט דערקלערט א קאמף געגן גאָלדענער קעל-בער, אָן אונטערשייד, צי זיי זיינען פיר-אָדער-צוויי-פיסיגע, אי-בערהויפט האָט ער טאקע געמיינט דערמיט צו לערנען די מענ-טשען, וועלכע זיינען אָנגעפילט מיט גאָלד, אָבער קיינער האָט פון זיי קיין הנאה ניט. די מענטשן וועלכע זיינען רייך און גיבן קיין צדקה ניט, זיינען געגליכן צום עגל הזהב. מיר האָבן א סך אַזעלכע מענטשן צווישן אונז. איך און איר, מיינע פריינט, טרעפן זיך יעדן טאָג מיט אזעלכע פארשוינען, וועמען אלע קענען אלס פארמעגלאכע מענטשן, אָבער פון וועמען קיי-נער קען ניט ארויסקריגן א פעני פאר צדקה. ניט נאָר קען מען ביי זיי ניט קריגן פאר א שול, א תלמוד תורה, א מושב-זקנים, אָדער א האָספיטאל, אפילו אן אייגענער פריינט קען ביי זיי ניט קריגן קיין טובה. שטעלט זיך פאָר, ווען אלע גאָלד-זאַטע אידן וואָלטן געטאָן זייער פליכט און יעדערער וואָלט געגעבן צדקה, לויט זיינע מעגלאכקייטן, וואָלטן דאָך אידישע צדקה-אנשטאלטן זיך געבאָדן אין רייכטום. פון די אלע רייכע אידן אין ניו-יאָרק, געפינט זיך נאָר א קליינער פראָצענט, וואָס זיי-נען געבער און די איבעריגע האלטן זיך ביי דער קעלבעשער מידה פון אליין געניסן פון אליץ און יענעם געבן גאָרניט. דאָס זיינען די מענטשן, וועלכע זיינען דיק באדעקט מיט גאָלד, אז קיין סימפאטיע, רחמנות און געפיל, קען ניט דורכדרינגען זייע-רע הארטע גאָלד-באַדעקטע הערצער.

ע"פ שכל האָבן דאָך מענטשן געדארפט ווייכן פון אזעל-כע פארשוינען און פארדאמען זיי, אָבער, ליידער, איז די שוואכקייט פאר גאָלד אזוי טיף איינגעוואָרצלט אין אונז, אז מיר בוקן זיך פאר גאָלד, אפילו ווען דאָס איז אין באַזיץ פון אַ קאַלב. א מאן, וועמען אַלע קענען פאר א קארגן, אָבער אויב

ער איז רייך, ווען אים מענטשן אפגעבן כבוד און שמייכלען צו אים. מען דארף, זעט אויס, היינט ניט זיין קיין געבער, כדי צו קריגן כבוד, מען דארף נאר זיין רייך, און דאן אפילו ווען מען גיט ניט, וועט מען אויך פאר זיי אפשיי האבן. געגן אזא סארט עבודה זרה האט משה געקעמפט. עס איז שלעכט געווען, אז מען דארף זיך בוקן צו גאלד, אבער זיך בוקן צו א קאלב מיט גאלד, דאס איז שוין א זינד, וואס מושה רבינו האט ניט געקענט פארקוקן.

אלזא, מיינע פריינט, איך ווייס' אז דער גאט פון גאלד שטייט היינט גאנץ שטארק. איך ווייס, אז היינט, מער ווי אלע מאל, שטייען מיר מיט אראפגעלאזענע, אונטערטעניגע קעפ, פאר זיין מאיעסטעט דעם גאלדענעם גאט. עס איז אויך גוט באקאנט, אז צוליב דעם גאט פון גאלד האבן מיר פארגעסן אין גאט פון הימל. אבער, לאמיר באשליסן, אז אויב מיר זיינען צו שוואך צו פארקוקן דעם גלאנץ פון גאלד, זאלן מיר, לכל הפחות, ניט בוקן זיך פאר קעלבער, ווען אפילו זיי זיינען גאלדענע. מיר דארפן פארדאמען און ווייכן פון אזוינע סארטן מענטשן און אפשר וועט דאס זיי ברענגען צום שכל.

די פּרשה פון דאָלער

ווי מען ציילט אידן
דער כח פון דאָלער
ווי מען דאַרף שטודירן א מענטשן
די געשיכטע מיט ר׳ חיים וואָלאָזשינער

אין דער תורה ווערט דערציילט, אז ווען גאָט האָט געוואָלט ציילן וויפיל אידן עס זיינען געווען ווען זיי זיינען ארויס פון מצרים, האָט ער אָנגעזאָגט משה׳ן, אז כדי צו זיין זיכער, אז די ציילונג וועט זיין א ריכטיגע, זאָל ער הייסן, אז יעדער איד זאָל ברענגען א „מחצית השקל״, דאָס מיינט א האלבן דאָלער און אָנשטאָט צו ציילן די אידן, זאָל ער ציילן די האלבע דאָלער, און דורך דעם וועט ער שוין במילא וויסן וויפיל אידן עס זיינען דאָ. היינטיגן שבת וועט די פּרשה געלייענט ווערן אין די שולן, און דעריבער הייסט דער שבת „שבת שקלים״.

איז עפּעס דער גאנצער ענין ניט פארשטענדלאך. אז דער דאָלער איז דער גרויסער יחסן ביי מענטשן, דאָס וויסן אלע. אז ער איז אלמעכטיג אויף דער וועלט, איז אויך ביי קיינעם קיין סוד ניט. אָבער, אז גאָט אליין זאָל קרוינען דעם דאָלער און אָפּגעבן אים א שבת פאר זיך, דאָס איז שוין א ביסל שווערלאך צו פארשטיין. איך וויל דעריבער, מיינע פריינט, זיך באמיען צו דערקלערן דעם ענין וועגן דער פּרשה פון דאָלער.

די ממשלה פון דאָלער איז אומבאגרעניצט און עס איז כמעט ווי אומעגלאך אָנצוצייכענען די גרעניצן פון זיין קעניגרייך. עס איז ניטאָ קיין איין ווינקעלע אין מענטשנס לעבן, וואו דאָס אָרט פון דאָלער ווערט ניט רעספּעקטירט און אויסגעפאָלגט מיט דער גרעסטער געהאָרכזאמקייט. דער דאָלער

איז ממש א כל-בוניק. ער ברענגט פרייד, גליק און, חלילה, אומגליק. ער איז ממש א כשוף-מאכער. וואו נאָר ער באַוויזט זיך ווערט א איבערקערעניש. ווען א נאַר קריגט אים ווערט ער א חכם. ער מאכט פון א גראָביאַן אן איידלמאַן; פון א מיאוס'ן — א שיינעם; פון א גאָרנישט—א „יאַ-טיבע-דאם". ער פאַראורזאכט מלחמות און מאכט שלום. ווען א פרוי האָט ניט ליב איר מאַן, מישט זיך אריין דער דאָלער און א ליבע צעפלאַקערט זיך. די מופתים וואָס דער דאָלער קען באַווייזן, איז ממש אומבאַשרייבלאַך און ענדלאָז. עס וועט זיין אוממעגלאַך פאַר מיר אין דער קורצער צייט, וואָס מיר איז דערלויבט, צו רעדן וועגן די מעלות און חסרונות פון דאָלער אין די אלע צווייגן פון זיין הערשאַפט, און איך וויל זיך, דעריבער, באַרגעניצן וועגן „דער דאָלער אלס א טערמאָמעטער אויף פריינטשאַפט", דאָס הייסט, אלס א מאָס צו מעסטן פריינטשאַפט.

די גמרא זאָגט אונז, אז א מענטשן קען מען דערקענען און אָפּשאַצן דורך דריי זאכן: „בכיסו, בכוסו ובכעסו": ווען מען בעט ביי אים געלט, ווען ער איז שיכור'לאַך און ווען ער ווערט אין כעס. דאָס מיינט צו זאָגן, אז דער געוויינלאַכער מענטש איז א איינפאַכער פורים-שפּילער. ער איז שטענדיג פאַרמאַסקירט. איינער באהאלט זיך אונטער א מאַסקע פון שיינע קליידער, דער צווייטער אונטער דער מאַסקע פון א באָרד, דער דריטער אונטער שיינע מאַניערן און אזוי ווייטער. די פּאָפּולערסטע מאַסקע איז די מאַסקע פון שיינע, זיסע רייד. די מערסטע מענטשן מאַסקירן זיך מיט שיינע רייד: סוויטהאַרט, דיער, האָניג, ליבע, טייערע און זיסע, און נאָך אזעלכע שיינע ווערטער ווערן באַנוצט טעגלאַך צענדליגער מאָל ביי א סך מענטשן און אין הארצן מיינט מען גאָר אנדערש. איר קענט אמאָל פאַרבייגיין א הויז און איר וועט הערן ווי א פרוי געזעגנט זיך מיט איר מאַן, ווען יענער גייט אוועק צו זיין אַרבעט און זי וועט אים זאָגן: „גוד-באַי, סוויטהאַרט", און אין א קורצער ווײלע ארום וועט זי נעמען איר הונט אויף די

הענט און מיט גרויס כונה זאָגן: אָרענט יו איי סוויטהארט!"
היינט גייט און טרעפט מיט ווען זי איז ערנסט, צי מיטן מאַן, אָדער, להבדיל, מיטן הונט?

מיינע פריינט, איר זענט אליין, אָן צווייפל, בייגעווען פאלן ווען א פרוי וועט רעדן צו אירער א פריינדינע אויפן טעלעפאָן און אין יעדן זאַץ פון איר געשפרעך וועט זי זיך באַנוצן מיט די ווערטער: „מיי דיער" און „עס איז א פלעזשור צו הערן פון דיר", אָבער נאָכדעם ווי זי וועט אראָפּלאָזן דעם רעסיווער, וועט זי א זאָג טאָן: „אָו, שי איז איי פּעין אין די נעק".

אלזאָ, אונזערע חכמים האָבן דאָס אלעס גוט פארשטאנען. זיי האָבן געוואוסט, אז מענטשן ווילן באנוצן רייד אויף צו פארדעקן זייערע כונות, אָנשטאָט אויפצודעקן זיי. און זיי האָבן אונז דעריבער געראטן, אז אויב איינער ווילן מעסטן פריינטשאפט, אויב איינער וויל וויסן צי א פריינט אז א אמת'ער פריינט, קען ער דאָס לייכט אויסגעפינען דורכן פּאַקעט. אויב איר בעט א פריינט א גמילת חסד, אָדער אן אנדער הילף, און ער גיט, איז א סימן, אז ער איז א אמת'ער גוטער פריינט, אָבער אויב ווען עס קומט צום פּאַקעט, קריגט ער ליימענע הענט, איז א סימן, אז די אלע זיסע רייד זיינען בלאָף. א איינפאכע מאסקע. ווען איינער זאָגט אייך, אז ער איז אייך א פריינט מיטן גאנצן הארצן, איז עס נאָך ניט גענוג, סיידן ער ציינט אייך אז ער איז אייך א פריינט מיטן גאנצן פּאקעט.

דאָס דערמאָנט מיר די געשיכטע וועגן דעם בארימטן גאון ר' חיים וואָלאָזשינער, וועלכער איז געווען דער ראש הישיבה פון דער גרויסער וואָלאָזשינער ישיבה. זיין ישיבה איז אמאָל געווען אין גרויס נויט. די ישיבה-בחורים האָבן איינפאך ניט געהאט וואָס צו עסן. האָט ר' חיים באשלאָסן, אז ער וועט ארויספאָרן אין א פּאָר שטעטלאך צו מאכן א פּאָר דאָלער פאר דער ישיבה. ווען ער איז אָנגעקומען אין דעם ערשטן שטעטל און פארפאָרן צום רייכסטן בעל-הבית, זיינען הונדערטער אידן פון שטעטל אָנגעלאָפן אין הויז און יעדער איינער האָט זיך געשפּארט צו געבן דעם גרוי-

סען רבי'ן א שלום-עליכם. ווען ר' חיים האָט דערזען, אַז די זון גייט שוין באַלד אונטער און קיין געלט האָט ער נאָך אַלץ ניט, האָט ער איינגעשטילט דעם עולם און האָט צו זיי געזאָגט: „מיינע ליבע אידן, אייערע שלום-עליכם'ס זיינען טאַקע ביי מיר גאַנץ טייער, אָבער דער הויפּט-צוועק פון מיין קומען איז צו שאַפן געלט פאַר די אָרימע ישיבה בחורים". אין אַ פּאָר מינוט נאָך דעם ווי ער האָט דאָס אָפּגעזאָגט, איז ניט געבליבן אפילו קיין מנין אויף צו דאַווענען מנחה. צום שלום-עליכם געבן זיינען געווען הונדערטער, אָבער צום דאָלער געבן איז געבליבן א ליידיגע הויז.

אָט דאָס איז דער געדאַנק פון דער פּרשת „שקלים". דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה'ן: „מיין ליבער משה, אויב דו ווילסט וויסן וויפיל אמת'ע אידן דו האָסט, זאָלסטו זיי ניט ציילן דורך שלום-עליכם'ס, אָדער וויפיל אידן עסן פליש, געפילטע פיש און וואַרעניקעס. דו צייל זיי דורך דעם דאָלער. אויב א איד איז וויליג זיך צו שיידן מיט א פּאָר דאָלער צוליב זיין אידישקייט, דעם מעגסטו ציילן אלס א איד. ווען איינער זאָגט, אַז ער איז א גוטער איד, ווייל ער האָט א אידיש האַרץ, איז טאַקע גאַנץ שיין, אָבער נאָר דאַן ווען ער וועט ציינן, אַז זיין פּאַקעט איז אויך א אידישער. ווייל די מאָס פון אמת'ער פריינטשאַפט איז וויפיל איינער איז באַרייט צו באַצאָלן פאַר דער פריינטשאַפט. דאָס מיינט ניט, נאַטירלאַך, צו זאָגן, אַז דער דאָלער איז די הויפּט-זאַך אין מענטשלאַכע באַציאונגען, דאָס מיינט נאָר צו זאָגן, אַז דער דאָלער איז די מאָס, דורך וועלכער מען קען אָפּמעסטן אמת'ע פריינטשאַפט. אַלזאָ, מיינע פריינט, נעמט אָט-די קלוגע רייד פון אונזערע חכמים גוט אין געדאַנק און באַנוצט זיך מיט דעם טערמאָמעטער, כדי ריכטיג אויסצוגעפינען די וואַרימקייט פון יעדער פריינטשאַפט.

כשרות — א וויכטיגער טייל פון אידנטום

דער פלאַץ פון כשרות אין דער תורה
דער פלאַץ פון כשרות אין תלמוד
ווי דער איד האָט זיך באַצויגן צו כשרות
גנב'ענען יע, אָבער טריפות עסן ניט
כשרות מוז פארבלייבן דער שוץ געגן אסימיליאַציע

חשוב'ע צוהערער:

איינע פון די הויפּט-טיילן פון אידנטום, איז די פּינקטלאַכע אָפּהיטונג פון די דינים פון כשרות, לויט דער פאַראָרדענונג פון דער תורה און אונזערע גרויסע חכמים.

אין אונזער הייליגער תורה ווערט פיל פּלאַץ געווידמעט פאר דער וויכטיגער טעמע. גאַנצע פּרשיות זיינען געשריבן געוואָרן אין דער תורה, וואו די פראַגע פון א ריינעם און געזונטען מענטשלאכן דייעט ווערט באהאנדלט. נאָך אין יענע פרימיטיווע צייטן האָט אונז שוין די תורה געלערנט, אז דער קערפּערלאכער און גייסטיגער וואוילזיין פון מענטשן הענגט-אָפּ פון זיין דיעטע, ד.ה. פון דעם וואָס ער מעג און פון דעם וואָס ער טאָר ניט עסן.

עס האָט גענומען בערך 3,000 יאָר ביז דער איצטיגער מאָדערנער מענטש האָט זיך, צום סוף, איבערצייגט, אז די לערע פון דער תורה בנוגע דער וויכטיקייט פון א מענטשנ'ס דיעטע, איז א ריכטיגע. איך בין זיכער, אז עס וועט איצט נעמען פיל ווינציגער צייט, און די מענטשהייט וועט זיך אויך איבערצייגן, אז ניט נאָר איז די תורה גערעכט אין דעם פרינציפּ פון דיעטע רעגולאַציעס, נאָר אז זי איז אויך גערעכט אין אַלע דינים, וועלכע רעגולירן כשרות, לויט דער פאָרשריפט פון דעם אידישן שולחן-ערוך.

נאָך אַ מער אַנגעזעענעם פּלאַץ ווערט אָפּגעגעבן צו דעם ענין פון כשרות אין אונזער תלמוד און פּוסקים.

די גרעסטע קעפּ פון אונזערע אַמאָליגע חכמים האָבן זיך באַשעפטיגט מיט דער וויכטיגער פּראָבלעם, און זינט דאַן זיינען הונדערטער און טויזנטער ספרים געשריבן געוואָרן, וואו יעדער צווייג פון די דינים פון כשרות איז באַהאַנדלט געוואָרן מיט הייליגער פּינקטלעכקייט אין די קלענסטע איינצלהייטן.

דער איד אליין, ווידער, האָט פון זיין זייט אין אַלע דורות און אין אַלע צייטן אָפּגעהיט אָט-די אַלע דינים מיט דער גרעסטער מסירת נפש און אייפערזיכט. קיין זאַך האָט אַזוי פיל ניט ארויסגערופן דעם צאָרן פון אַלטן מתתיהו אין דער צייט ווען אַנטיוכוס הרשע האָט פאַרבאָטן די אידן צו היטן זייער תורה, ווי ווען אויפן מאַרק-פּלאַץ פון זיין שטעטל, האָט אַ אידישער פאַררעטער געשאָכטן אַ חזיר אַלס אַ קרבן צום גריכישן אָפּגאָט. אָט-דער פאַרזוך צו כשר'ן אַ חזיר, האָט אַזוי דערצאָרנט דעם אַלטן מתתיהו, אַז ער איז געווען באַרייט מקריב צו זיין זיין לעבן און די לעבנס פון זיינע קינדער, כדי אויסצוראָמען אָט-דעם איבל פון אידישן לעבן.

אונזערע שונאים אין אַלע צייטן, ווען זיי פלעגן וועלן טיף באַליידיגן דעם אידן, פלעגן זיי זיך באַמיען מיט געוואַלד צו שפּייזן אים מיט טריפה מאכלים. ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז עסן טריפה איז דער גרעסטער ווייטאָג וואָס זיי קענען פאַרשאַפן דעם אידן. דער איד פלעגט זיך אַמאָל פאַרגינען צו פאַרקוקן אַנדערע עבירות, אָבער כשרות האָט ער אָפּגעהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

דער פאָלגנדיגער אַנעקדאָט וועט, דוכט זיך מיר, פּאַסיג אילוסטרירן די באַציאונג פון דעם איד צו כשרות. עס ווערט דערציילט, אַז צו דעם גרויסן גאון ר' חיים בריסקער איז אַמאָל געקומען אַ איד מיט דער פאָלגנדיגער שאלה: רבי! — האָט דער איד געזאָגט, — מיינער אַ שכן, וועלכער איז באַקאַנט אין גאַנצן שטאָט אַלס אַ פּראָפעסיאָנעלער גנב, מאַכט איצט אַ שמחה ביי זיך אין דער היים און האָט מיך איינגעלאַדן צו

דער שמחה. ווייס איך ניט, רבי לעבן, וואָס איך זאָל טאָן? ניט גיין האָב איך מורא און יע גיין ווייס איך ניט צי מען מעג ביי אים עסן? בין איך צו אייך געקומען פרעגן, צי מעג מען עסן ביי א גנב?. ווארט א ווײלע, — האָט ר׳ חיים געענטפערט. דערווייל האָט ער געשיקט נאָך דעם אידן דעם גנב. ער האָט אים אריינגענומען אין א באזונדערן צימער און האָט אים אָנגעהויבן אויספרעגן:

— זאָג מיר נאָר דעם אמת, דו דארפסט פאר מיר קיין מורא ניט האָבן, ווי איז אז דיר קומט אוים צו גנב׳ענען שבת?

— גייט מען, — האָט דער גנב געענטפערט געלאסן.

— און ווען מען דארף צינדן פייער?

— צינדט מען!

— און ווען אייך קומט אוים צו גנב׳ענען ביי א גוי?

— נו, איז וואָס? גנב׳עט מען!

— און ווי איז אז איר געפינט ביים גוי א זייטל טריפה פלייש אָדער חזיר?

— נעמט מען!

— וואָס טוט איר דערמיט?

— איך פארקויף צו א גוי.

— און פארוואָס עסט איר דאָס אליין ניט?

— וואָס הייסט, רבי! וואָס רעדט איר? עסן טריפות?

— און גנב׳ענען מעג מען?—האָט ר׳ חיים אים געפרעגט.

— זאָלט איר געזונט זיין רבי, — האָט דער גנב געענטפערט, — וואָס פאר א פארגלייך איז דאָס? גנב׳ענען איז מיין פרנסה, אָבער עסן טריפה, זאָל דער אויבערשטער אויסהיטן, בין איך דען, חלילה, קיין איד ניט?!

נאָך דעם געשפרעך האָט ר׳ חיים אריינגערופן דעם צווייטן אידן און אים געזאָגט: אויב די סעודה איז נאָר נישט געפראוועט פאר גע׳גנב׳עטע געלט, מעגט איר ביי אים עסן.

אָט די דערציילונג רעפלעקטירט די ענגע פארבינדונג פון דעם איד מיט כשרות. אז אפילו איינער, וועלכער איז געזונקען אין דער טומאה פון גניבה, וועט פונדעסטוועגן ניט

פארברעכן געגן די דינים פון כשרות.

דער איד, ווי עס זעט אוים, פילט אינסטינקטיוו, אז אויב מען זאָל ביי אים צונעמען די כשר'ע היים, פארלירט ער אויך דערמיט די אידישע היים.

כשרות איז דער פאנצער, וועלכער פארטיידיגט די אידישע היים פון דער גאס־אסימילאציע. דער ווייקשאפט און דאָס זאלץ־ברעטל אין א אידישער היים האָבן זיך ארויסגעצייגט שטארקער ווי די שווערע קאנאָנען פון שונא. ניט אומזיסט איז דער ערשטער האס־צוג געגן אידן אין דעם היינטיגן המן־לאנד געווען צו פארבאָטן שחיטה, ווייל דער מאָדערנער המן, ווי דער אמאָליגער, וויים, אז כדי אומצוברענגען דעם אידען, מוז ער פריער אומברענגען די אידישע היים, און דער בעסטער מיטל דערצו איז צו טריף־מאכן זי.

אלזאָ, מיינע פריינט, מיט דעם וואָס איך האָב ביז איצט געזאָגט, קענט איר, אָן צווייפל, איינזען, אז אין אלע צייטן, אריינגערעכנט אויך די איצטיגע, איז כשרות געווען און איז און וועט אויך פארבליין, דער וויכטיגסטער זייל אין דעם אידענטום פון דער גאנצער וועלט.

א היגיענישע אָפּהאַנדלונג וועגן כשר׳ע פלייש

צוויי טעמים אין דער תורה פאר כשר׳ע פליש
פארוואָס ווערט א בהמה טריף
וואָס דאָקטוירים זאָגן וועגן כשר׳ע פליש
די שווארצע מגפה
די קראנקהייט פון טובערקולאָזיס

חשוב׳ע צוהערער:

איך וועל מיין היינטיגן געשפרעך מיט אייך ווידמענען צו דער פראגע: פארוואָס איז דער אידישער דין אזוי שטרענג אין דעם פאַרבאָט אויף טריפה פליש.

איך וועל זיך באמיען אייך צו צייגן, אז ווען איר גייט קויפן פליש, איז דאָס אין אייערע אינטערעסן אכטונג צו געבן, אז די כשר׳ע פליש, וואָס איר קויפט, זאָל זיין כשר, ניט נאָר ביי דעם בוטשער אין שוי-פענסטער, נאָר עס זאָל אויך טאַקע זיין אמת כשר׳ע פליש אין זיין אייז-באקס.

דער פארבאָט אויף טריפה פליש ווערט דערמאָנט אייני-גע מאָל אין דער תורה.

אין חומש שמות, סדרה משפטים, קאפיטל 22, ווערט געזאָגט: „ואנשי קדש תהיו לי ובשר בשדה טריפה לא תאכלו" — איר וועט זיין הייליגע מענטשן צו מיר, זאָגט ג׳ דערמיט וואָס איר וועט זיך צוריקהאַלטן פון צו עסן פארצוגטע טריפה פליש.

אין חומש ויקרא, סדרה שמיני, קאפיטל 11, ווערט אזוי געבראַכט: „אל תשקצו את נפשותיכם בכל השרץ השורץ ולא תטמאו בהם ונטמאתם בם", איר זאָלט ניט פאר׳מיאוס׳ן אייע-רע לעבנס דורך דעם וואָס איר וועט עסן אומריינע באַשעפע-נישען, ווייל דורך דעם וועט איר אליין אויך, חלילה, ווערן

אומריין. און אין א צווייטן פסוק נאָכדעם פאָדערט אויף די תורה, אז אויב אידן וועלן זיין ריין און הייליג, זאָלן זיי אויס־מיידען עסן אומריינע טריפה מאכלים.

אלזאָ, מיינע פריינט, פון די אויבנדערמאָנטע ציטירטע פסוקים זעען מיר, אז דער פארבאָט אין דער תורה אויף טריפה פלייש, ווערט מאָטיווירט דורך צוויי וויכטיגע אורזאכן: נעמ־לאך: ריינקייט און הייליקייט. אין פשוט׳ע ווערטער מיינט דאָס צו זאָגן, אז די תורה וואָרנט דעם אידן, אז דאָס עסן פון טריפה פלייש איז שעדלאך סיי פאר דעם קערפער און סיי פאר דער נשמה. און דעריבער לייגט די תורה ארויף א שטרענגן אסור, כדי אויסצוהיטן אונז פון די קראנקהייטן, וועלכע ווערן פאראורזאכט פון פלייש וואָס איז ניט כשר.

כדי זיך צו שאפן א קלאָרערן באַגריף וועגן דער שעד־לאכקייט פון טריפה פלייש אויף דעם מענטשנ׳ס געזונט, איז כדאי צו ציטירן די דערקלערונג פון תלמוד אויף דער פראגע: וואָס הייסט טריפה?

אין דער גמרא חולין ווערט געבראכט, אז „כל שאין כמוה חיה טריפה", אז א טריפה בהמה הייסט די, וואָס איז אזוי קראנק, אז אויב אפילו מען וואָלט איר ניט געשאָכטן, וואָלט זי ס׳יי ווי סיי ניט געקענט לעבן מער ווי 12 מאָנאטן. דאָס מיינט איינפאך, אז א טריפה בהמה איז אזא, וואָס איז אָנ־געשטעקט מיט א געפערלאכער קראנקהייט.

לויט דעם רמב"ם, וועלכער איז געווען איינער פון די גרעסטע חכמים, וואָס מיר אידן האָבן געהאט פאר די לעצטע 800 יאָר, און וועלכער איז אויך געווען אַ גרויסער דאָקטאָר, אַז עס זיינען דאָ 70 מיני טריפות, דאָס הייסט 70 סאָרטן קראנקהייטן, וועלכע אויב אַ בהמה איז אָנגעשטעקט מיט איי־נער פון זיי, איז זי ע"פ דין, טריף און מען טאָר איר פלייש ניט עסן. צווישן די אויסגערעכנטע קראנקהייטן זיינען דאָ פיל, וועלכע זיינען זייער אָנשטעקנד, ממש גיפט.

עס דערמאָנט מיר די געשיכטע, וואָס איז מיט איינגע יאָר צוריק געווען געדרוקט אין די צייטונגען, אז איינער א רב

פון קאַנאַדע איז געשטאָרבן פון בלוט-פאַרגיפטונג, מיט וועל-כער ער האָט זיך אָנגעשטעקט בעת ער האָט אונטערזוכט א טשיקן, וואָס א פרוי האָט אים געבראַכט מיט א שאלה. עס איז געווען א וואונד אויף איינע פון די גלידער פון דער טשיקן און דער רב האָט זיך באַנוצט מיט א מעסער אויפצושניידן דעם קראַנקן גליד, כדי בעסער זיך דערקונדיגן דעם כאַראַק-טער פון דער קראַנקהייט, האָט ער זיך ניט-ווילנדיג איינגע-שניטען א פינגער, וואָס איז געקומען אין באַרירונג מיט דער וואונד און פון דעם איז ער פאַרגיפטעט געוואָרן.

פיל מאָדערנע דאָקטוירים גיבן צו, אז דאָס פלייש, וואָס איז צוגעגרייט לויט דעם אידישן דין, איז פיל זיכערער פאַרן מענטשנ'ס געזונט, ווי די ניט-כש'ע פליישן. דאָס דערקלערט אויך די מערקווירדיגע דערשיינונג, אז טראָץ דעם וואָס כשר'ע פלייש איז פיל טייערער פון ניט כשר'ע, גייען דאָך פיל קריס-טען קויפן פלייש אין אידישע בוטשער-שעפּער.

דער פאַקט, אז דער איד איז ווינציגער אויסגעשטעלט צו געוויסע קראַנקהייטן, ווערט ביי דער מעדיצינישער פּראָ-פעסיע צוגעשריבן צו דער אָפּהיטונג פון כשרות צווישן אידן.

אין דעם 12-טן יאָרהונדערט, בשעת די שווארצע מגפה האָט געבושעוועט אין גאַנץ אייראָפּע און האָט אומגעבראַכט צענדליגער טויזנטער מענטשן, איז דער איד פאַרבליבן כמעט אומבאַרירט. די אַמאָליגע מענטשן האָבן דאָס דערקלערט אלס א מעשה-כשוף, אָבער היינט ווייס די וועלט דעם אמת, אז ניט די מגפה האָט אויסגעמיטן דעם אידן, נאָר דער איד האָט אויס-געמיטן די מגפה, דורך דעם וואָס ער האָט אָפּגעהיט די די-נים פון כשרות. איבערהויפּט ווערט גרויס אויפמערקזאמקייט געשענקט אין די אידישע דינים דער געפערלאַכער און טויט-לאַכער קראַנקהייט פון „טובערקולאָסיס", אָט-דער ברוטאלער מענטשלאַכער מלאך-המות, וועלכער נעמט אומב'רחמנות'דיג אַזוועק טויזנטער מענטשן פריצייטיג פון דער וועלט, וועלכער שטיקט און פייניגט זיינע קרבנות ביז זייער לעצטן אָטעם, וועלכער שאַנעוועט ניט קיין טאַטעס און מאַמעס און אפילו

יונגע אומשולדיגע קינדער. אָט־דער מחבל ווערט איינגע־צוימט דורך הונדערטער דינים, אזוי אז ער קען קיינמאָל ניט זיך אריינכאַפּן אין אַ קערפּער פון אַ אידן דורך דעם פליישׁ וואָס ער עסט, אויב נאָר דער איד היט־אָפּ די דינים פון כש־רות. ווייל דער שוחט ווערט אויפגעפּאַדערט, אז גלייך נאָך דער שחיטה מוז ער אונטערזוכן די לונגען פון דער בהמה און אויב ער געפינט דעם קלענסטן חשד, אז עפּעס איז ניט גלאַטיג מיט דער בהמה׳ס לונגען, דאָס מיינט, אז זי איז, פּילייכט, אָנגעשטעקט מיט שווינדזוכט, ווערט די בהמה גלייך טריף און מען טאָר זי ניט עסן.

אזוי, מיינע חשוב׳ע צוהערער: דער סך־הכל פון מיין היינטיגן ריידן איז, צו עסן כשר׳ע פליישׁ, מיינט עסן פליישׁ, וואָס איז פריש און געזונט, פליישׁ וואָס איז אויסגעהיט פון יעדער מעגלאכער קראַנקהייט. פליישׁ וואָס איז איבערהויפּט פריי פון יעדער אָנשטעקנדיגע קראַנקהייט. פליישׁ, וואָס אפי־לו אייער דאָקטאָר וואָלט אייך געראָטן צו נוצן. פליישׁ וואָס איז געזונט אויך פאר דער נשמה. דאָס איז אלץ גערעדט גע־וואָרען, אויב דאָס פליישׁ איז אין אמת׳ן כשר, דעריבער איז דאָס טאקע אייער פליכט אכטונג צו געבן, אז דאָס פליישׁ וואָס איר קויפט, איז אמת׳ע כשר׳ע פליישׁ. נאָך אלעמען זענט איר די גרעסטע בעלי־דעה איבער דעם בוטשער פון וועמען איר קויפט אייער פליישׁ.

די גייסטיגע געווינסן פון כשרות

דעם רמבמ'ס דערקלערונג וועגן כשרות
דער כח פון מאָגן
אדם און חוה זיינען באזיגט געוואָרן פון מאָגן
דער קאָמפּראָמיס מיט'ן מאָגן
א כשר'ע היים איז א דערציאונגס-אנשטאלט פאר קינדער

חשוב'ע צוהערער:

פאר צוויי-וואָכן פרייטאָג האָב איך צו אייך גערעדט וועגן כשרות אלס אַ וואַנט געגן אַסימילאַציע. דעם לעצטן פרייטאָג האָב איך זיך באַמיט אייך צו ציינגן, אז די דינים פון כשרות באַשיצן דעם אידן פון אַ סך קראַנקהייטן, ל"ע. היינט וועל איך ריידן וועגן כשרות פון אַ גאַנץ נייעם שטאַנד-פּונקט. איך וועל זיך באַמיען צו באַווייזן, אז כשרות הויבט-אויף דעם אידן אויף אַ העכערער גייסטיגער מדרגה, און אי-בערהויפּט געניסט דערפון גייסטיג דאָס אידישע קינד.

דער רמב"ם, אין זיין ספר מורה נבוכים, קאַפּיטל 25, דער-קלערט, אז איינע פון די וויכטיגע אויפגאַבן פון די אלע דינים פון כשרות, איז צו איבן דעם מענטשן אין זעלבסט-קאָנטראָל, צו לערנען אים ווי צו רעגולירן זיינע תאוות פון עסן און דורך דעם אָפּיהטן פון כשרות זאָל ער ציינגן, אז די שטימע פון גאָט שטייט ביי אים העכער ווי די שטימע פון מאָגן.

איצט, מיינע ליבע פריינט, וועל איך פּרובירן אין איינפאַ-כע ווערטער אויפצוקלערן פאַר אייך אָט-די טיפע און קלוגע רייד פון אונזער גרויסן פילאָזאָף, דעם רמב"ם.

די קיטשן, וואָס שטייט אין דינסט פון זיין מאַיעסטעט דעם מאָגן, איז, אָן צווייפל, דער וויכטיגסטער צימער אין אונ-זער וואוינונג. די אָרימסטע חורבה, אזוי גוט ווי דער רייכס-

טער קעניגלאכער פאלאץ קען דעם צימער ניט איגנארירן. איר קענט פארקויפן אייער פיאנא, ארויסווארפן די ביכער און אפילו אויפגעבן אייער דיינינג-רום, אבער דאס טעפל מיט דער לעפל, דאס וועט איר ניט וואגן צו טשעפען, ווייל דער גרעסטער דיקטאטאר אין דער וועלט, דער מאגן, פאדערט דאס און זיינע באפעלן מוז מען פינקטלאך אויספאלגן. ווען מען גיט אים ניט נאך זיין פארלאנג, ווערט דער מאגן זייער בייז. ער בוכטשעט און קרעמפט, ער צופט און ער מאנט, ער ווערט ממש א מערדער. דעם מאגנ׳ס א קאפריז פאראורזאכט די גרעסטע מלחמות און זיין לוסט נאך נאשעריי ברענגט די ערגסטע קראנקהייטן, ל״ע. טאמער פוילט ער זיך אונטער אין זיין ארבעט, איז סכנות נפשות, און ווען ער עקשנ׳ט זיך איין, דארף מען אנקומען צום דראג-סטאר אים איבערצובעטן.

איז טאקע אין די אור-אלטע צייטן דער דאזיגער תכשיט — דער מאגן — געווען דער גאנצער הערשער, דער גאנצער בעל-הבית. ער פלעגט שלאכטן חיות, עסן נבלות, און פרעסן אפילו זיינע אייגענע מיט-מענטשן, כדי צו שטילן זיין תאוה. האט געמעגט דער קאפ זאגן הונדערט מאל ניין, און דאס הארץ זיך בעטן פאר רחמנות, אבער דער מאגן האט זיי קיינעם ניט געהערט און האט געטאן דאס זייניגע. ביי דעם פרימיטיווען מאגן איז אלעס געווען כשר, ער פלעגט זיך שפייזן מיט אלץ, וואס איז אים געקומען צום האנט: חיות, מענטשן, שרצים פון אלע מינים, ריינע און אומריינע זאכן, אבי נאר צום עסן. די מענטשהייט האט זיך געבויגן צו זיין פארלאנג און געטאן זיין רצון. אט-די אומבאגרעניצטע דיקטאטור פון מאגן האט אנגעהאלטן ביז דעם אנקום פון דער אידישער תורה. מיט דעם אנקום פון דער אידישער תורה אויף דער וועלט, איז פארשווואונדן די מאגן-פילאזאפיע און די מאגן-פירערשאפט איז שטארק באגרעניצט געווארן.

די ערשטע זאך, וואס די תורה האט אנטפלעקט פאר אונז, איז די סכנה פון צופיל נאכגעבן דעם אפעטיט און דער תאוה פון עסן. דאס ווערט אונז איבערגעגעבן אין דער געשיכטע

פון אדם מיט חוה'ן:

ג' האָט געזאָגט צו אדמ'ען, אז איך גיב דיר איבער די גאַנצע וועלט. דו מעגסט עסן אלעס אין דער וועלט און אלעס וואָס דיין הארץ גלוסט. עס זיינען דאָ טויזנטער בוימער מיט די געשמאַקסטע פרוכטן פון וועלכע דיין מאָגן קען נאַשן וויפיל נאָר ער וויל, נאָר איין זאַך וויל איך דיר בעטן, אז פון דעם בוים וואָס הייסט „עץ הדעת" זאָלסטו ניט עסן. נו, איז דאָך דאָס, איינגנטלאַך, געווען א לייכטער עקזאמען, א גרינגער טעסט, ווייל וואָס וואָלט, חלילה, געשאַדט דער מוטער חוה, ווען זי וואָלט ניט געגעסן פון דעם איין און איינציגן פארבאָ־טענעם בוים? אָבער דער מאָגן דער נאַשער האָט זיך ניט געקענט איינהאלטן, און צוליב זיין נאַשעריי איז געקומען זינד אויף דער וועלט. דערפאַר טאַקע האָט דער אויבערשטער באַשטראָפט דעם מאָגן און האָט אים געזאָגט, אז פון היינט-אָן און ווייטער ווערסטו אויס לײדיג-גייער, נאָר „בזעת אפיך תאכל לחם", דו וועסט דאַרפן שווער ארבעטן אויף דיין עסן. דאָס איז געווען די ערשטע באַגרעניצונג, וואָס די תורה האָט אוועקגעלייגט ארום דער פרייהייט פון מאָגן.

זינט דאַן האָט די תורה געמאכט א פשרה מיט דעם מאָגן און האָט אזוי געזאָגט: עס איז אמת אז „אין קמח אין תורה", דו, מאָגן, ביסט טאַקע א יחסן, מען קען דיר מיטן האנט ניט אוועקמאכן, ווייל אָן דיר קען איך אויך ניט עקזיסטירן. גלייכ־צייטיג מוזסטו אנערקענען אז „לא על הלחם לבדו יחיה האדם" — אַז עסן אליין איז ניט אלץ אין לעבן. אין שיקזאַל פון מענ־טשען מוזסטו טיילן דיין הערשאַפט מיט דעם גייסט, דאָס מיינט, מען מוז האָבן, אז דער גייסט זאָל צענזורירן און קאָנ־טראָלירן דעם גוף. דיין פארלאַנג נאָך עסן איז בארעכטיגט, דאָס וועלן מיר דיר נאָכגעבן, אָבער וואָס צו עסן, ווען און ווי אזוי צו עסן, דאָס וועט דער גייסט דיר לערנען. אידישקייט דורך די דינים פון כשרות לערנט אונז, אז דער מאָגן איז ניט דער איינציגער בעל-הבית אין קיטשן און געוויס ניט אין דער וועלט. אידישקייט וואַרפט-אָפּ מיט פאַראַכט די היינטיגע

טעאָריע וואָס ווערט געפּרעדיגט אין געוויסע קרייזן, אז דער מאָגן, אָדער ווי זיי רופן דאָס, „די עקאָנאָמיע״, איז דער איינ־ציגער דעה־זאָגער אין דער וועלט. לויט דער לערע פון אידנטום איז אַזאַ סאָרט טעאָריע א צוריקקער צו די פּרימיטיווע צייטן.

דער פּסוק אין דער תורה, וואָס לערנט אונז „את זה תאכלו ואת זה לא תאכלו״, וואָס מען מעג עסן און וואָס מען טאָר ניט עסן, האָט דערמיט אוועקגעשטעלט א הויכע מחיצה צווישן מענטש און חיה. די דינים פון כשרות האָבן אוועקגעשטעלט דעם אידן אויף א העכערער מדרגה פון גייסט און מענטשהייט. די פון מיינע צוהערער, וועלכע געדענקען נאָך דעם אידישן שבת־טיש פון אַמאָל, וועלן מיט מיר מסכים זיין, אז ארום דעם אידישן טיש איז שטענדיג געווען א בכבוד׳יגער פּלאָץ פאר דער נשמה. דער גייסט האָט פארנומען דעם אויבן־אָן.

די כשר׳ע אידישע קיטשן ווערט געפירט ניט נאָר לויט דער לערע פון „קאָך־בוך״, נאָר אויך לויט דער לערע פון „שלחון־ערוך״. און דאָס מעגט איר זיכער זיין, אז דאָרט וואו מען לאָזט אריין דעם שלחון־ערוך, קומט ער ניט מיט ליידיגע הענט, ער ברענגט מיט זיך גייסט און נשמה.

איבערהויפּט איבט אוים א כשר׳ע היים א גרויסן גייסטי־גען איינפלוס אויף די קליינע קינדער. ווען א קליין קינד גע־פינט אוים אז ער טאָר ניט נוצן דעם פליישיגן טעלער אויף מילכיגס, אז ער דארף ווארטן די נויטיגע צייט צווישן א פליי־שיגען און מילכיגען מאָלצייט, און אז דאָס פלייש מוז גערייניגט ווערן פון בלוט דורך זאלצן, און נאָך אזעלכע באגרעני־צונגען, ווייל דאָס איז דער פאַרזאָג פון גאָט, — אָט דאָס אלעס ברענגט אריין אין זיין מח דעם געדאנק, אז נאָך אַלעמען זיי־נען דאָ זאַכן, וואָס שטייען העכער פון עסן. א אידישע היים, וועלכע היט כשרות, איז דער בעסטער חדר פאר א קינד צו אנטוויקלען אַ געזונטן און דויערהאפטיגן גייסט, א גייסט וועלכער ראַפינירט און הייליגט דאָס קינד און מאכט פון אים

אַ געזונטן, הערלאכן, געטרייען און גאָטס־פאָרכטיגן קינד צו טאַטע מאמען, צו זיין פאָלק און לאנד.

אָט דאָס, מיינע פריינט, האָט געמיינט דער רמב"ם, וואָס איך האָב אין אָנפאנג פון מיין רעדן, ציטירט.

מיין שלום איז: אז אַ כשר'ע היים מיינט אַ ראפינירטע היים, אַ אידישע היים, אַ היים, וואו עס הערשט גייסט, אַ פלאַץ וואו עס רוט די שכינה, אַ היים וועלכע שטייט אויף דעם אומבאַזיגטן כח פון אונזער תורה, אַן אטמאָספערע, וואָס איז אַ דאַטשע־פלאַץ פאר דער גייסטיגער אנטוויקלונג פון קליינע קינדער.

ריינע און אומריינע חיות און בהמות

די צוויי סימנים פון כשר'ע חיות און בהמות
מעלה־גרה איז א סימן פון גוטער פארדייאונג
די שפייזן פון כשר'ע בהמות
די קראנקהייט פון טריקאָנאָסיס
די פליישן וואָס די תורה האָט דערלויבט איז בעסער פארן געזונט

חשוב'ע צוהערער:

איך וועל היינט צו אייך ריידן וועגן דער פראגע פארוואָס די תורה האָט פארבאָטן צו עסן די פליישן פון חיות און בה־מות טמאות, אומריינע חיות?

אין חומש ווערן געבראכט צוויי סימנים, וואָס באצייכענען וועלכע איז א ריינע און וועלכע איז א אומריינע חיה, אָדער בהמה. ווען א בהמה און חיה האָט א צעשפּאָלטענע קאָפּיטע, אָדער הוף, ווי מען רופט דאָס אין ענגליש, און דערצו איז זי אויך א מעלה-גרה, דאָס הייסט, זי קייט א סך, הייסט זי א ריי־נע און מען מעג איר פלייש עסן. ווען, אָבער, זי באזיצט ניט אָט-די צוויי סימנים, הייסט זי אומריין און עס איז פארבאָטן צו עסן איר פלייש. די תורה רעכנט אויס נעמען פון ריינע חיות, וועמעס פלייש איז דערלויבט, ווי צום ביישפּיל: אָקסן, שעפסן, ציגן, הירשן און אייניגע אנדערע. די צאָל פון די בהמות און חיות, וועלכע זיינען כשר צום עסן איז זייער א קליינע, אין פארגלייך מיט די וועלכע זיינען פארבאָטן.

אָט-דער פאקט איז, אָן צווייפל, צו פיל פון אייך גוט בא־קאַנט. מיין אויפגאַבע, אָבער, וועט זיין אויפצוקלערן, פאר־וואָס די תורה האָט אָפּגעזונדערט נאָר אָט-די קליינע צאָל חיות

אלס כשר׳ע און האָט די אַלע אנדערע אויסגעבראַקירט.

דער מדרש אין פרשה שמיני ברענגט, אַז דעריבער האָט דער גענבאָט אין דער תורה וועגן כשר׳ע פליש זיך אָנגעפאַנגען מיט די ווערטער „זאת החיה״, ווייל דאָס וואָרט חיה אין העברייאיש מיינט אויך לעבן, און דערמיט האָט די תורה געמיינט צו אונטערשטרייכן, אַז די געזעצן פון כשרות זיינען געגעבן געוואָרן צו פאַרזיכערן דעם מענטשנ׳ס געזונט און צו פאַרלענגערן זיין לעבן.

איצט לאָמיר א ביסל גענויער עקזאַמינירן דעם ענין און מיר וועלן זיך געווים איבערצייגן, אַז דער מדרש איז גערעכט, אַז די פליישן פון ריינע כשר׳ע חיות און בהמות זיינען פיל בעסער פארן געזונט.

צום ערשט וועלן מיר דערקלערן פאַרוואָס איז דאָס פלייש פון א בהמה וואָס׳ איז מעלה גרה געזונטער, פרישער און געשמאַקער צום עסן.

עס איז א גוט באַקאַנטער פאַקט, אַז די ערשטע זאַך וואָס א דאָקטאָר זאָגט-אָן, ווען מען קומט צו אים מיט א מאָגן-קראַנקהייט איז, אַז מען זאָל עסן לאַנגזאַם, ניט זיין אויפגערעגט, און איבערהויפט, מען זאָל גוט צעקייען די שפייז, ווייל ווען א שפייז ווערט גוט צעקייט ווען מען עסט דאָס, איז דאָס לייכטער צו פאַרדייען, און ווען א מאָגן פאַרדייט גוט, מיינט דאָס א געזונטער גוף, ריינערע בלוט, און אין אלגעמיין א בעסערער געזונט-צושטאַנד. אָט-די וויכטיגע ארבעט פון קייען, וועלכע אַ מענטש איז אָפט צו-פויל אָדער צו אומגעדולדיג צו טאָן, אפילו ווען דאָקטוירים פאַרזאָגן אים, טוט דאָס׳ אָבער די בהמה מיט דעם גרעסטן געדולד און מיט די בעסטע רעזולטאַטען. ווען א בהמה איז מעלה גרה, מיינט דאָס אַז זי ברענגט ארויף די שפייז וואָס זי האָט שוין איינמאָל צעקייט און אראָפּגעשלונגען צוריק פון אויבערשטן מאָגן אין מויל אריין און קייט דאָס ווידער פאַר שטונדן לאַנג. היינט פאַרשטייט איר דאָך, אַז א בהמה אָדער א חיה, וועמען די נאַטור האָט געשאָנקען אָט-די גרויסע מעלה פון מעלה גרה זיין, איז צוליב

איר גוטן פאַרדייאונגס-קראַפט, געווים א געזונטערע, א ריי־נערע און געווים מער פּאַסיג פאַרן מענטשלאַכן געברויך, ווי די וועלכע טוט דאָס ניט. דעריבער טאַקע האָט די תורה אָפּגעזונדערט אָט-דעם סאָרט בהמות און רעקאָמענדירט זיי פאַרן געברויך פון מענטשן. די בהמות און חיות, וועלכע זיי־נען ניט מעלה-גרה, איז זייער פלייש האַרט, ניט געשמאַק און שווער צו פאַרדייען. אָט-דער פאַקט ווערט באַשטעטיגט פון די אַלע וועלכע זיינען באַקאַנט מיט די ענינים.

א וויכטיגער ביישפּיל, וואָס וועט ציינן דעם היגיענישן אונטערשייד פון ריינע ביז אומריינע חיות, איז דער פאַקט, אַז פון מילך פון א כשר'ער בהמה קען מען מאַכן קעז, און פון דער מילך פון אַן אומריינער בהמה קען מען קיין קעז ניט מאַכן. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס א ריינע בהמה אַנטהאַלט אין זיך אַזא פליסיקייט פון מאָגן, וואָס ווערט אָנ־גערופן „ענזיים רענין", וועלכע באַזיצט גרויסע פאַרדייאונגס־אייגנשאַפטן, אָבער די אומריינע בהמות באַזיצן דאָס ניט אין אַזא מאָס. דאָס ציינט אונז, אַז די פאַרדייאונגס-סיסטעם ביי די כשר'ע בהמות איז א פּיל געזונטערע ווי ביי די ניט-כשר'ע בהמות, א פאַקט וואָס איז צוגעשריבן צו דער מעלה-גרה-אייגנ־שאַפט פון די כשר'ע בהמות.

ביז איצט האָב איך דאָ דערקלערט פאַרוואָס דער סימן פון מעלה-גרה איז אויך א סימן פון פרישקייט, געזונטהייט און גו־טען געשמאַק, און איצט וויל איך ברענגען נאָך א וויכטיגן פאַקט, וועלכער שיידט אונטער די ריינע פון די ניט-ריינע בהמות, און דאָס איז די שפּייז, וואָס די צוויי סאָרטן חיות עסן. א כשר'ע בהמה שפּייזט זיך מיט גראָז און וועדזשעטייבלס, אָבער די ניט-כשר'ע זיינען מערסטנס חיות טורפות, ד.ה. אַזעל־כע, וועלכע שפּייזן זיך מיט פליישן פון אַנדערע חיות, וועלכע זיי פאַרצוקן און עסן. עס ווערט צוגעגעבן פון אַלע פאַך-מענ־טשען אין דעם ענין, אַז פלייש-עסנדע חיות זיינען אָנגעשטעקט מיט קראַנקהייטן און זיינען זייער אומגעזונט. רבן גמליאל, דער גרויסער אידישער תנא און געלערנטער, דריקט זיך אויס

אין דער גמרא חולין, בלאַט 65, אַז דער בעסטער סימן פון אן אומרייינער חיה איז, ווען זי שפּייזט זיך פון פארצוקט פלייש.

אַז די שפּייז פון דער חיה אָדער בהמה האָט א גרויסע ווירקונג אויף דעם געזונט פון איר פלייש, קען דינען דער פאקט, אַז חזיר-פלייש ווערט אנערקענט אלס אומגעזונט, טאַקע צוליב דעם, וואָס דער חזיר איז א גרויסער דבר אחר און עסט אלע מיאוס'ע זאכן, וואָס קומען אים אין מויל אריין. דאָקטוירים גיבן צו, אַז חזיר-פלייש איז אָנגעשטעקט מיט אזא פּאַראַזיט (דזשערם), וואָס הייסט טריקאָנע, און ווען א מענטש, וואָס עסט חזיר-פלייש, ווערט אָנגעשטעקט פון דעם „דזשערם" איז זייער שווער אים אויסצוהיילן. איך האָב זיך פערזענלאך נאָכגעפרעגט ביי דאָקטוירים פאַך-לייט, און זיי האָבן באשטעטיגט דעם פאקט. איינער א דאָקטאָר, א גרויסער סוירדזשען, האָט מיר דערקלערט, אַז ער האָט איינציגע מאָל באגעגנט אָט-די קראנקהייט ביי געוויסע קלאסן גוים, וועלכע עסן פיל פּאָרק און העם.

אלזאָ, מיינע פריינט, מיר דוכט זיך, אַז איך האָב קלאָר באוויזן, אַז פון היגיעניש שטאנדפונקט זיינען די פליישן, וועלכע די תורה האָט דערלויבט צו עסן, געזונטער און בעסער צוליב צוויי אורזאכן. ערשטנס, ווייל די כשר'ע בהמות באַזיצען א בעסערע פארדייאונגס-קראפט, און צווייטנס, ווייל זיי שפּייזן זיך מיט געזונטערע עסנווארגן.

כשר׳ע און ניט-כשר׳ע פיש

די וויכטיקייט פון שופן אויף די פיש
די שעדלאכקייט פון די שעל-פישן
טאיפאיד פיוועך
מאנכע פיש פאראורזאכן הויט-קראנקהייט

חשוב׳ע צוהערער:

היינט וועל איך צו אייך ריידן וועגן דער פראגע פון כשר׳ע און ניט-כשר׳ע פיש.

דער געוויינלאכער מענטש זעט זייער זעלטן די פיש אין איר צושטאנד אלס א לעבעדיגע באשעפעניש. דאס וואסער פארדעקט איר לעבנס-געשיכטע און צו אונז באווייזט זי זיך אלס א פראדוקט אויף דעם שפייז-מארק. מיר פארגעסן, אז די פיש, וועלכע מען כאפט איר און מען ברענגט איר אויף דער יבשה, איז געווען א לעבעדיגע באשעפעניש, אונטערווארפן צו די אלע קראנקהייטן און פיזישע פעלערן, וועלכע באהערשן יעדער אנדערער לעבעדיגער באשעפעניש. די פיש-וועלט איז אזוי צארלייך און פארשידנארטיג, פונקט ווי אלע אנדערע יבשה-וועלטן. עס געפינען זיך צווישן זיי וואסער-שלאנגען, שעדלאכע פיש, פיש וועלכע זיינען ממש א גיפט צו עסן.

דעריבער טאקע האט די תורה אפגעזונדערט א געוויסן סארט פיש, וואס מען מעג עסן, און די אלע אנדערע האט זי אויסגעבראקירט אלס ניט פאסיג פארן מענטשלאכן געברויך.

צוויי סימנים ווערן דערמאנט אין דער תורה, וואס באצייכענען וועלכע זיינען כשר׳ע פיש. די פיש, וועלכע האבן שופן און פליגעלאך, זיינען כשר׳ע, און די וועלכע באזיצן ניט אט-די צוויי סימנים זיינען ניט כשר.

איצט וויל איך דערקלערן פארוואס זיינען די סימנים א

באַווייז, אַז די פיש וועלכע באַזיצן זיי זיינען געזונטער און זיכערער פאַרן געזונט פון מענטשן.

איך וועל זיך אָפּשטעלן אויסשליסלאַך אויף דער פראַגע פון שופּן, ווייל די פיש וועלכע האָבן שופּן, האָבן אויך די פלי-געלאַך, אָדער פינס, ווי מען רופט דאָס אין ענגליש. די שופּן זיינען אַ וויכטיגער פּאַנצער פאַר די פיש. די וועלכע באַזיצן ניט דעם פּאַנצער, איז זייער הויט נאַטירלאַך ווייכער. אָט־די פיש, וועלכע באַזיצן ניט קיין שופּן, זיינען אויסגעשטעלט שטענדיג צו אַטאַקעס פון פאַרשידענע וואַסער-פּאַראַזיטן, וועל-כע קלעפּן זיך איין אין זייער ווייכער הויט און פאַרגיפטן זיי. די שופּן וועלכע זיינען האַרט און גליטשיג, באַשיצן די פיש פון אַזעלכע פּאַראַזיטן און דאָס האַלט געוויס דעם סאָרט פיש פיל געזונטער און בעסער באַשיצט.

עס ווערט צוגעגעבן פון אַלע פיש-עקספּערטן, אַז די שעל-פישען, ווי אָיסטערס און קלעמס, וועלכע שווימען מייסטנס אַרום די ברעגעס פון ימים און טייכן, וואו די שמוץ פון דער יבשה קלייבט זיך אַממערסטן און פון וועלכע זיי נעמען אַ גרוי-סען טייל פון זייער שפּייז, זיינען די אורזאַך פון טאַיפאָיד פי-ווער עפּידעמיעס.

די פיש וועלכע באַלאַנגען צו די מאַלסוקאַס פאַמיליע, אין וועלכע עס ווערן אַריינגערעכנט, אויסער די אויסטערס און קלעמס, אויך די שרימפּס, די לאַבסטערס, די קרעבס און אַנ-דערע קריכנדיגע באַשעפענישן אין וואַסער, זיינען זייער אָפט די אורזאַך פאַר הויט-קראַנקהייטן און געזיכט-אויסברוכן פאַר די וועלכע עסן זיי.

אָט צוליב די געזונטהייט אורזאַכן און אַנדערע וויכטיגע אורזאַכן, האָט די תורה אונז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן זיין פאָרזיכטיג מיט דעם עסן פון פיש. די פיש, וועלכע די תורה באַצייכנט אַלס כשר׳ע, זיינען, אָן צווייפל, פיל פּאַסיגער פאַרן מענטשלאַכן געברויך, ווי די ניט-כשר׳ע.

די כשרות פון פעטס און שאָרטענינגס

א לאַבאָראַטאָריע פון גיפט
ענימאל פעטס קומען פון פילע מיט אמאָל
כשר'ע און ניט כשר'ע אייז־קרים
וועדזשעטייבל פעטס איז געזונטער און כשר'ער

חשוב'ע צוהערער:

איך האָב לעצטן פרייטאָג פארשפּראָכן צו ריידן וועגן דעם אונטערשייד פון די שפּייזן, אין וועלכע עס ווערן אריינגעמישט ענימאל פעטס און די, אין וועלכע עס ווערט אריינגעטאָן וועדזשעטייבל פעטס. איך וועל דאָס היינט מקיים זיין און זיך באַמיען צו צייגן, אז עס איז ניט נויטיג אויסצואיבן גרוים פּאָרזיכטיקייט, ווען מען קויפט שפּייז־פּראָדוקטן, אין וועלכע עס איז דאָ א חשד, אז זיי זיינען געמישט מיט פעטס, אָדער אנדער אָפּפאַל פון חיות און בהמות.

מיר דארפן וויסן און פארשטיין, אז א לעבעדיגער קערפּער, צי דאָס איז פון א מענטשן, אָדער חיה און בהמה, איז א לאַבאָראַטאָריע, וועלכע האַלט אין איין פּראָדוצירן, אויסער לעבן און געזונט, אויך גיפט און קראנקהייטן. דער מאשין פון פלייש און בלוט, וועלכער אפּערירט אין יעדער לעבעדיגער באַשעפעניש, איז זייער א קאָמפּליצירטער און אויב, חלילה, דאָס קלענסטע שרייפעלע ווערט קאַליע, דאַן הויבן זיך אָן קלייבן אין קערפּער אלע סאָרטן מחבלים און דזשערמס און אָט־די לעבעדיגע באַשעפעניש טראָגט זיך ארום מיט א פולן קערפּער מיט שעדלאכע גאזן און גיפטן. א בהמה אָדער א חיה איז ניט קיין אויסנאַם אין דער הינזיכט, זיי ליידן אויך פון שרעקלאכע אַנשטעקנדיגע קראנקהייטן. ווען אזעלכע סאָרטן בהמות און חיות ווערן געטויט פארלירן זיי ניט זייער שעד־

לאכקייט, נאָר, אדרבה, זיי ווערן נאָך שעדלאכער און מער געפערלאך.

בנוגע די פליישן פון אזעלכע חיות האָבן מיר ביי פריער־דיגע געלעגנהייטן אונטערשטראָכן די נויטווענדיקייט צו זיין זייער פאָרזיכטיג. מיר האָבן דאן באטאָנט, וואָס פאר א גרויסע שיצונג די כשרות דינים זיינען אין פלייש ענינים, אז די וועלכע קויפן כשר פלייש, זיינען פיל מער געזיכערט מיטן געזונט, ווי די וועלכע נוצן ניט קיין כשר'ע. אָבער וויפיל עס זיינען דאָ געפאָרן אין נוצן ניט קיין כשר'ע פלייש, איז נאָך דאָ הונדערט מאָל אזוי פיל מער געפאר, ווען מען באנוצט זיך מיט ניט קיין כשר'ן ענימאל פעטס אָדער שאָרטענינג. ווייל ווען איר קויפט פלייש, האָט איר נאָך א געלעגנהייט זיך צו דערקונדיגן וועגן דעם צושטאנד פון דעם פראָדוקט, דורך באמערקן דעם קאָליר, אָדער אנדערע סימנים, וועלכע צייגן געמיינע פליישן, אָבער ווען איר קויפט א פראָדוקט אין וועלכן לארד, דזשעלעטין, אָדער אנדערע עלעמענטן, וואָס קומט פון דעם אָפפאָל פון חיות, זיינען אין דעם געמיש, דאן זענט איר פולקאָם אומוויסנדיג פון וואָס פאר א סאָרט חיה אָט־די פעטס קומט. ווען איר קויפט פלייש, נעמט איר א טשענס אויף דעם געזונט פון דער בהמה, פון וועלכע דאָס פלייש, וואָס איר קויפט, קומט, און אזוי ווי דער פראָצענט פון די געזונטע איז גרעסער פון דעם פראָצענט פון די קראנקע, האָט איר, לכל הפחות, א 60 אָדער 70 פראָצענט רעכט צו דענקען, אז דאָס קומט פון א געזונטער בהמה, אָבער די פעטס, וואָס איז געמישט אין פראָדוקטן, קומט פון א צוזאמענמיש פון הונדערטער בהמות, און דער טשענס, אז די אלע קומען פון געזונטע בהמות איז זייער א קליינער. ווען דער בעקער, וועלכער באנוצט לארד צו שמירן דעם קייק, אָדער ברויט, גיט א שמיר אויף דעם פראָדוקט מיט אָט־דעם לארד, דארפט איר וויסן, אז דער שמיר קומט פון דעם פעטס פון צענדליגער חיות פון דעם מין.

עס איז, דעריבער, קיין צווייפל ניטאָ, אז ווען איר באנוצט זיך מיט א כשר'ן שאָרטענינג און פעטס, אָדער ווען איר זענט

פאַרזיכטיג צו קויפן נאָר די פּראָדוקטן, וועלכע ווערן געמאכט מיט כשר'ע שאָרטענינג אָדער ריינע כשר'ע וועדזשעטייבל־פעטס, זענט איר זיכער, אז איר פארהיט דורך דעם אייער געזונט און דאָס געזונט פון אייערע ליבע פאמיליעס.

ווען, צום ביישפּיל, איר קויפט ניט קיין כשר'ן ברויט, אָדער קייק, דארפט איר וויסן, אז איר האַנדלט דאָ אין א פּראָדוקט אין וועלכן לאַרד, ד.ה. א פעטס וועלכע קומט פון אַ חזיר, איז ארייננעמישט. ווען איר קויפט ניט קיין כשר'ן אייז־קרים, דארפט איר וויסן, אז דאָרט איז געמישט מיט דזשעלעטין, אַ פּראָדוקט, וועלכער קומט פון עקסטראַקטס פון די ביינער פון חיות.

אָט האָב איך לעצטע וואָך געלייענט, און גראָד אין א אידישער צייטונג, א רעסעפּי, ווי צו מאכן אייז־קרים, געשריבן פון א אידישער פרוי, וועלכע איז געוויס אומוויסנדיג אין ענינים פון כשרות. איך וועל דאָס פאר אייך פאַרלייענען, ווי צו מאַכן אייז־קרים:

2 אונצעס טשאָקאָלאַד, 2 קאָפּס מילך, 2 עס־לעפל מיט דזשעלעטין, 1 קאָפּע צוקער, 1 טיי־לעפל וואנילו, 2 קאָפּעס זיסן קרים.

די פרוי האָט מסתמא ניט געוואוסט, אז די צוויי עס־לעפל דזשעלעטין מאכן דעם אייז־קרים טריפה, און איך וויל דער־ביי צוגעבן, אז אויסער וואָס עס מאכט עס טריף, שטעלט דאָס אייך אין צווייפל וועגן דעם געזונט פון אייז־קרים.

איר לייענט גאַנץ אָפט, אז קינדער ווערן מאנכעס מאָל קראנק פון עסן אייז־קרים. איר דענקט, נאַטירלאך, אין אזא פאַל, אז די אורזאך דערפון איז, ווייל דאָס קינד האָט זיך אי־בערגעגעסען, אָבער איר מאכט דערמיט א טעות: עס איז גאַנץ מעגלאך, אז דאָס קינד האָט געגעסן א קרים, אין וועלכן א געוויסע מישונג איז געווען ניט פאסיג פארן געזונט.

די געזונטהייט־בענעפיט פון כשרות איז אמבעסטן בולט אין דער פראגע פון שאָרטענינג און פעטס. די אלע פּראָ־דוקטען, וועלכע ווערן געמאכט פון ריינע כשר'ע וועדזשע־

טייבל אָדער אנדערע כשר'ע פעטס, איז, אָן צווייפל, געזונטער און בעסער ווי די אנדערע פראָדוקטן, וועלכע באנוצן ניט־כשר'ן ענימאל פעטס. דער פאקט, וואָס ענימאל פעטס איז ביליגער, מאַכט דאָס דעם נסיון גרעסער פאר געווויסע מאנופעקטשורערס צו נוצן דאָס און דעריבער איז טאקע נויטיג גרעסערע פאָרזיכטיקייט, ווען מען קויפט די אלע פראָדוקטן.

קען די מאָדערנע היגיעניע פאַרנעמען דאָס פּלאַץ פון כשרות

דער משל מיט דער פאַרמער און די מייז
דער ענטפער פון חפץ חיים ז"ל
כשרות איז 100 פּראָצענט שיצונג

חשוב'ע צוהערער:

לעצטן פרייטאָג האָב איך אייך דערציילט, אז מאנכע מענטשן ווענדן זיך צו מיר מיט א פראגע און זאָגן, אז אזוי ווי היינטיגע צייטן זיינען דאָ פיל מעדיצינישע און היגיענישע מיטלען, ווי צו באַזייטיגן שעדלאכקייט פון שפייז, איז, דעריבער, ניט נויטיג אָפּצוהיטן די דינים פון כשרות, כדי צו דערפילן אָט-די אויפגאַבע.

זיי גיבן צו, אז די פאַרשידענע קראַנקהייטן, וואָס איך האָב אויסגערעכנט אין מיינע פריערדיגע געשפרעכן, עקזיס-טירען טאַקע אין די ניט-כשר'ע שפּייזן, אָבער, זאָגן זיי, מיר האָבן היינט די נויטיגע מיטלען צו באַזייטיגן די געפאַר, ווען מען עסט די ניט-כשר'ע שפּייזן, און עס איז, דעריבער, ניט נויטיג צוליב געזונטהייט-צוועקן נאָכצופאָלגן די כשרות-די-נים.

אלזאָ, וויל איך טאַקע ווידמען מיין היינטיגן געשפרעך צו ענטפערן אויף דער טענה. איך וועל ענטפערן אויף דער טענה מיט דעם פאָלגנדיגן משל:

ביי איינעם אַ פּאַרמער האָט זיך איינמאָל פאַרפלאָדיעט אַ גאַנצע מחנה מיט מייז. אוואו נאָר א שפאלט, אָדער אַ לאָך אין הויז, איז באַזעצט געוואָרן מיט דער מיאוס'ער באַשעפע-ניש. ווען עס איז געוואָרן ממש אומדערטרעגלאך, איז דער פּאַרמער אַוועקגעפאָרן אין שטאָט און איז אריין אין אַן אָפּים

פון אן עקסטערמינייטאָר עקספּערט, זיך מיט אים צו באַראַטן וואָס צו טאָן, כדי צו פאַרטרייבן די מייז־אַנשיקעניש פון זיין הויז. דער עקסטערמינייטינג עקספּערט האָט זיך גוט צוגע־הערט צו דעם פאַרמערס רייד און ער האָט אים געראָטן צו קויפן געוויסע פּאַיזן און אַזוינע גראָזן און דאָס פאַרשפּרייטן לעבן די לעכער, וואו די מייז געפינען זיך. און טאַקע אויפן אָרט האָט ער די פאַרשידענע מיטלען פאַרקויפט צום פאַרמער און זיך געלאָזן גוט באַצאָלן דערפאַר. ווען דער פאַרמער האָט געהאַלטן ביים אַוועקגיין און איז שוין געשטאַנען ביים טיר אויף אַרויסצוגיין פון אָפיס, האָט אים דער עקספּערט גערופן צוריק און האָט אים געזאָגט בזה הלשון: „הערט מיסטער, אָט די אַלע גראָזן און מיטלען וואָס איך האָב אייך פאַרקויפט, זיינען טאַקע גוט אויף אויסצוראָטן מייז, אָבער פונדעסטוועגן פאַרגעסט ניט אריינצונעמען אַ פּאָר קעץ צו אייך אין הויז.

אָט דער משל, מיינע פריינט, וועט מיר פאַסיק העלפן צו ענטפערן אויף דער אויבנדערמאַנטער טענה.

עס איז, פיליכט, אמת, אז עס זיינען דאָ מיטלען ווי אויס־צומיידן די קראַנקהייטן פון טריקאַנאָסיס פון חזיר־פלייש, טובערקולאָסיס פון בהמות, טאַיפאַיד פיווער פון די שעלפישן, ווי אויסטערס, קלעמס, קרעבס און די אַנדערע, די שעדלאַכ־קייט פון פאַרשידענע מישונגען אין די דערי־פּראָדוקטן, יעס, פיליכט זיינען דאָ היינטיגע צייטן אַזעלכע מיטלען, וועלכע קענען אויסראָטן אָט־די געפערלאַכע קראַנקהייטן פון די ניט־כשר׳ע שפּייזן, אָבער נאָך אַלעמען איז פּאָרט דער בעסטער מיטל ווי זיך אויסצוהיטן פון אָט־די אַלע סכנות, איז ניט צו עסן די שפּייזן, און דאַן איז מען געוויס זיכער ווי פּאַ־סיג צו פאַרהיטן דאָס געזונט.

מען דערציילט וועגן דעם גרויסן צדיק און גאון, דעם חפץ חיים, ז״ל, אז איינער אַ איד האָט אים אַמאָל געפרעגט: רבי, פון וואַנען ווייסט איר, אז עס איז דאָ אַ יענע וועלט מיט אַ גן־עדן און אַ גהינום, פאַר וואָס איר זאָלט מען דאַרף שטאַרק מורא האָבן? אויף דעם האָט אים דער חפץ חיים גע־

ענטפערט מיט אזא פראגע: זאגט מיר, ר׳ איד, ווי א שטייגער וואלט געווען, אז אין א צייט, ווען איר זענט שטארק הונגעריג און מען שטעלט פאר אייך אוועק א גוטן טעלער סופ און מען זאגט צו אייך דערביי, אז 99 פראצענט איז די סופ גוט, אָבער עס איז דאָ איין פראצענט חשש אז דארט איז דאָ גיפט, וואלט איר געגעסן די סופ, צי ניט? געווים ניט, האט דער איד גע־ענטפערט.

היינט זעט איר, האט דער חפץ חיים געזאגט, כאטש איר זענט 99 פראצענט זיכער, אז עס איז גוט, פונדעסטוועגן ווערט איר צוליב איין פראצענט צוייפל, בעסער ליידן הונגער און ניט עסן, ווייל איר האט מורא, טאמער איז דארט דאָ גיפט. אזוי טו איך. לאמיר זאגן, אז אפילו עס איז דאָ 90 פראצענט אז איר זענט גערעכט, אז עס איז ניטא קיין יענע וועלט מיט א גהינום, אָבער איין פראצענט צווייפל איז דאך יע דאָ, איז טאקע צוליב דעם אליין דארף מען ניט איינשטעלן צו הולטאי־עווען און מורא האבן פאר דעם גהינום.

דער געשפרעך קען אויך אנגעווענדט ווערן אין אונזער פאל. אז אפילו אויב עס איז דאָ 90 פראצענט גאראנטיע, אז די קראנקהייטן פון די ניט-כשר׳ע שפייזן ווערט ארויסגענומען, איז נאך אלץ דאס ניט-עסן, די בעסטע גאראנטיע פארן געזונט.

ווער ווייס וואס עס וואלט געשען מיט דעם אידן דורך דער צייט, וואס ער האט געלעבט אין געטאס און אין שטי־קעניש, ווען ניט זיין שטרענגן אפהיט פון כשרות. ווייל דער אפהיט פון כשרות איז ניט א 90 פראצענטיגע גאראנטיע, נאר טאקע א הונדערט פראצענטיגע גאראנטיע. און דעריבער טא־קע וויל איך זאגן צו די אלע וועלכע דענקען, אז מאדערנע ווינסנשאפט האט שוין אלץ פארענטפערט, אז זיי מאכן א טעות. די אמת׳ע הונדערט פראצענטיגע פארזיכערונג פאר גוטן געזונט, איז זיך צו פירן, איבערהויפט אין ענינים פון שפייז, לויט די פארשריפטן פון דער תורה.

די בוק-קיפּינג פון כשרות

דער געברויך פון כשר׳ע שפּייזן אין ניו־יאָרק
די צאָל אידן וואָס נוצן כשר׳ע פּראָדוקטן
וויפיל אידן צאָלן עקסטרע פאר כשרות
דער נסיון פון אָפּנארן איז זייער גרויס

חשוב׳ע צוהערער:

אויף דער פּראָגראם האָבן מיר פיל מאָל באשפּראָכן די וויכטיקייט פון כשרות פון פארשידענע שטאנדפּונקטן. צום ביישפּיל, מיר האָבן געצייגט ווי וויכטיג כשרות איז פארן מענטשלאכן געזונט, אויך ווי וויכטיג דער אָפּהיט פון כשרות איז פאר דער אידישער היים, און דעם אידישן גייסט און אויך פארן אידישן קינד.

היינט, אָבער, וויל איך מיט אייך פארברייינגען א ביסל וועגן דער בוק-קיפּינג פון כשרות. איך וועל אייך ברענגען סטאַטיסטיקס און ציפערן, וועלכע גרייכן אין די מיליאָנען דאָלער, און אָט-די ציפערן וועלן אונז ברענגען אַ וויכטיגן לעסאָן, כדי צו לערנען אונז פארוואָס עס איז וויכטיג, אז די אידישע בעל-הבית׳טע דאַרף אַכטונג געבן, אז די פּראָדוקטן וואָס זי קויפט אלס כשר, זאָל באמת זיין כשר.

און איצט, חשוב׳ע פריינט, הערט זיך צו מיט אויפמערקזאַמקייט און איך וועל פאר אייך לייענען די ציפערן, וועלכע איך האָב באַקומען פון דעם דעפּאַרטמענט אָוו אַגריקולטור און עקאָנאָמיקס פון דעם שטאַט ניו-יאָרק:

לויט אַ רעקאָרד פון דעם יאָר 1930, האָט די אידישע געמיינדע אין ניו-יאָרק פארברויכט 159,673,975 פונט כשר׳ע פונט פלייש, אויסער, נאטירלאך, כשר׳ע טשיקנס.

די אידן אין דער שטאַט ניו-יאָרק פארברויכן יעדער וואָך

3,000,000 פונט כשר׳ע פלייש און 4,000,000 פונט כשר׳ע טשיקן.

עס זיינען דאָ אין דער שטאָט ניו-יאָרק בערך 10,000 ריטייל סטאָרס, וועלכע פארקויפן כשר׳ע פראָדוקטן.

עס זיינען דאָ אויך אין דער שטאָט ניו-יאָרק בערך 300 טשיקן-מארקעטס, ד.ה. אָלסיילערס, וועלכע שחט׳ן און פארקויפען כשר׳ע טשיקנס צו די כשר׳ע בוטשערס.

און איצט לאָמיר זען וויפיל אידן עס זיינען דאָ אין ניו-יאָרק, וועלכע נוצן כשר׳ע פראָדוקטן:

